No. 2 10 סענט

וועלט־ביבליאטעק

וואַשינגטאָן אירווינג

ריפּ וואן ווינקל

די לעגענדע פון פאַרשלאָפענעם טאָל

איבערזעצט פון ענגליש
פון פּ. נאָוויק

פארלאג
ה. טויבענשלאג

ISBN: ISBN:0-657-14896-2
Barcode/EAN: 9780657148966

Old Call #: NXYH 01-B12881

Digitized by the Internet Archive
in 2009 with funding from
National Yiddish Book Center

http://www.archive.org/details/ripvanvink00irvi

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 14896

RIP VAN VINKL

Washington Irving

Permanent preservation of this book was made possible by Joan Davis Levin In memory of my parents, Abram D. and Esther P. Davis, who loved Yiddish.

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Lief D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

וואַשינגטאָן אירווינג

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHEQUE JUIVE PUBLIQUE
MONTREAL
יידישע פאָלקס ביבליאָטעק
הספריה העברית העממית

ריפּ וואַן ווינקל

די לעגענדע פון פאַרשלאָפענעם טאָל

איבערזעצט פון ענגליש
פון פּ. נאָוויק

פאַרלאַג ה. טויבענשלאַג, ניו יאָרק.

וואשינגטאָן אירווינג

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHEQUE JUIVE PUBLIQUE
MONTREAL
יידישע פאָלקס ביבליאָטעק
הספריה העברית העממית

ריפּ וואן ווינקל

די לעגענדע פון פאַרשלאָפענעם טאָל

איבערזעצט פון ענגליש
פון פּ. נאָוויק

פאַרלאַג ה. טויבענשלאַג, ניו יאָרק.

Copyright, 1923,
by H. Taubenshlag, New York.

ריפּ וואַן ווינקל.

ווער ס'האָט נאָר געמאַכט אַ רייזע אַרויף מיט'ן טייך האָדסאָן, דער מוז געדענקען די קעטסקיל־בערג. זיי זיינען אַן אָפּגעריסענער גליד פון דער גרויסער אַפּאַלאַ־כיאַנישער בערג־משפּחה. מ'זעהט זיי ווייט דאָרטען, אויף צו מערב־זייט פון טייך, ווי זיי דערהויבען זיך אַזוי הויך און שטאָלץ, און קוקען אַראָפּ אויף דער גע־גענט אַרום. ווען עס בייט זיך דער סעזאָן, ווען עס בייט זיך דער וועטער, ניין — יעדע שעה פון טאָג אַפילו, קומט פאָר אַן ענדערונג אין דעם פאַר'כישופ'דיגען קאָליר און געשטאַלט פון די בערג; און אַלע באַלע־באָסטעס פון נאָהענט און ווייט האַלטען די בערג פאַר אויסגעצייכענטע באַראָמעטערס. ווען דער וועטער איז שעהן און זיכער, זיינען די בערג באַקליידט אין בלוי און פּיאָלעט, און צייכענען אויס זייערע שטאָלצע ליי־ניעס אויף דעם קלאָרען אָווענט־הימעל. אָבער אַמאָל, ווען דאָס גאַנצע לאַנד אַרום איז נאָך ניט באַוואָלקענט, נעהמען די בערג און וויקלען איין אַ שלייער פון גרויע פאַרע אַרום זייערע שפּיצען, וואָס שלאָגען זיך אָפּ אין די לעצטע שטראַהלען פון דער פאַרגעהענדיגער זון, און גלאַנצען ווי אַ הערליכע קרוין.

צופוסענס פון די שעהנע בערג האָט דער רייזענ־דער אפשר געקענט באַמערקען דעם רויך, וואָס שלענ־געלט זיך אַרויס פון אַ דאָרף, וועמעס שינדעל־דעכער עס גלאַנצען אַרויס פון צווישען די בוימער, — פּונקט דאָרט וואו דער בלויער קאָליר פון הויכלאַנד שמעלצט זיך אַריין אין דער פרישער גרינקייט פון דער לאַנד־שאַפט. דאָס איז אַ קליין דערפעלע, זעהר אַן אַלטס. דאָס דערפעל איז געגרינדעט געוואָרען פון די ערשטע

האלענדישע קאלאניסטען, נאך גאר אין די ערשטע יאה־רען פון דער פראווינץ, און ערך אין סאמע אנהויב פון דער הערשאפט פון דעם גוטען פעטער סטאיוועסענט (א ליכטיגען גן עדן זאל ער האבען!). אין דארף זיינען נאך פון יענער צייט און געשטאנען אביסעל הייזער פון די ערשטע קאלאניסטען, געבויט פון קליינע געלע ציגעל, וואס מ'האט אריבערגעבראכט פון האַ־לאנד. די פענסטער זייערע געקעסטעלטע, די דעכער שפיציגע, מיט א וועטער־האן סאמע אויבען.

אט אין דעם דאזיגען דארף און אין איינס פון די דאזיגע הייזלאך (וואס איז, אמת גערעדט, שוין געוועזען גאנץ טרויעריגלאך אפגעריבען און ארומגעשמי־סען) האט געלעבט פון יאהרען און יאהרען, נאך פון די צייטען ווען די געגענט איז געווען אן ענגלישע פראַ־ווינץ, איינער א פשוט'ער מאן מיט א גוטען כאראק־טער. זיין נאמען איז געווען ריפ וואן ווינקל. ער האט אפגעשטאמט פון יענע וואן ווינקלס, וואס האבען זיך אזוי בראוו אויסגעצייכענט אין די העלדישע טעג פון פעטער סטאיוועסענט און האבען איהם באגלייט צו דער באלאגערונג פון פארט כריסטינא. ער האט אבער נע'ירשנ'ט גאנץ ווייניג פון דעם מיליטערישען כאראק־טער, וואס זיינע אבות האבען פארמאגט. איך האב שוין געזאגט, אז ער איז געווען א פשוט'ער מענש מיט א גוטען כאראקטער. חוץ דעם איז ער נאך געווען א ליבליכער שכן און א געהארכזאמער מאן, וואס איז גע־לעגען ביי דער ווייב אונטער'ן פארטוך. אז מ'וויל זאגען דעם אמת, מוז מען צוגעבען, אז אפשר צוליב דער לעצטער סיבה איז ער געווען אזא שטילינקער, — און איז דערמיט אזוי באריהמט געווארען איבער דער וועלט. ווייל גראדע יענע מענער, וואס געפינען זיך אין דערהיים אין די קלאמערען פון דיסציפלין, זיינען עס אזוי מסוגל צו זיין אזוי פרידליך און אונטערטעניג ווען זיי קומען צווישען מענשען. עס איז קיין ספק ניט, אז אין דעם פייערדיגען אויוון פון היימישע צרות ווערט זייער כאראקטער ווייך געמאכט, גוט צום שמידען; און עס איז אויך קיין ספק ניט, אז ווען עס

קימט צום אויסלערנען אימיצען די מידה פון געדולד און די פעהיגקייט איבערצוטראָגען יסורים, איז אַ געוויסער סאָרט לעקציע אין הויז ווערט מעהר ווי אַלע נוטע דרשות אין דער וועלט. אַ שטורמישע ווייב קען אפּשר דעריבער אין אַ געוויסען פרט באַטראַכט ווערען פאַר אַ ברכה; און אויב אַזוי, איז ריפּ וואַן ווינקל געוועזען דריי מאָל געבענשט.

איין זאַך איז זיכער, אַז ער איז געוועזען שטאַרק באַליבט צווישען די ווייבער פון דאָרף, וועלכע האָבען זיך געשטעלט אויף זיין צד אין אַלע פאַמיליען־קריגע־רייען — ווי דער שטייגער איז מיט'ן ליבליכען געשלעכט. און אין אָווענט, ווען זיי האָבען צווישען זיך באַהאַנדעלט דעם ענין, צוזאַמען מיט אַנדערע רכילות'ן, האָבען זיי ניט פאַרפעהלט צו וואַרפען די גאַנצע שולד אויף מאַדאַם וואַן ווינקל. אויך די דאָרפישע קינדער פלעגען טאַנצען פון גדולה, ווען זיי האָבען ריפּ וואַן ווינקלען דערזעהן. ער פלעגט זיי ארויסהעלפען אין זייערע ספּאָרטס, מאַכען זיי שפּילצייג, לערנען זיי ווי ארויפצולאָזען אַ „שלאַנג“ און שפּילען אין קיילכלאַך, און האָט זיי דערצעהלט לאַנגע מעשיות וועגען שדים און מכשפות און אינדיאַנער. ווען נאָר ער האָט זיך ארומגעדרעהט איבער'ן דאָרף, איז ער געוועזען ארומגערינגעלט מיט אַ גאַנצער מחנה קונדסים, וועלכע האָבען זיך אָנגעהאַנגען אָן זיינע פּאָלעס, געקראָכען איהם אויפ'ן קאַרק, אָפּגעטאָן איהם אַכצעהנערליי שפּיצלאַך און גאָרניט ארייגעכאַפּט דערפאַר. אויף ריפּ וואַן ווינקלען האָט אפילו אַ הונט ניט אַ האַווקע געטאָן אין דער גאַנצער געגענט.

דער גרויסער חסרון אין ריפּ'ס פּערזענליכקייט איז געוועזען, וואָס ער האָט אויסגעמידען אַלע מלאָכות, וואָס האָבען איהם געקענט עפּעס ארייינברענגען. ניט דערפאַר, וואָס ער איז, חלילה, געוועזען אַ פוילער, אָדער האָט קיין געדולד ניט געהאַט. וואָס הייסט? ער פלעגט קענען אָפּזיצען אַ גאַנצען טאָג אויף אַ נאַסען פעלז, מיט אַ ווענטקע אין האַנט — לאַנג און שווער ווי אַ טאָטערישע פּיקע, כסדר אויסקוקען אויף פיש, און ניט

ארויסרייסן א ווערטעלע אפילו, ווען עס פלעגט זיך גאַרניט א צאַפּעל טאָן אין וואַסער. ער פלעגט שטונ־דען־לאַנג קענען ארומטראָגען די יאַגד־ביקס אויפ'ן אק־סעל, טאַפּטשען דורך וואַלד און בלאָטע, באַרג־ארויף און באַרג־אראָפּ, כדי צו שיסען א פּאָר ביעלקעס (סקוואַי־רעלס) אָדער ווילדע טויבען. ער האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט פון העלפען א שכן, אפילו אין דער ערג־סטער מלאָכה. און אויף אַלע פּאָלקס־יום־טובים איז ער שטענדיג געווען דער ערשטער צום שיילען אינדישען קאָרן, אָדער מאַכען שטאַכעטען. די פרויען פון דאָרף פלעגען איהם אויך אָפט שיקען א גאַנג און באַנוצען איהם אויף אזוינע מלאכות, וואָס זייערע וועניגער פאָל־גענדיגע מענער האָבען ניט געוואָלט טאָן. מיט איין וואָרט, ריפּ איז גרייט געווען צו באזאָרגען אַלעמענס געשעפטען, נאָר ניט זיינע אייגענע. טאָן זיינע אייגענע פאַמיליען־פליכטען, האַלטען זיין פארם אין אָרדנונג — דאָס איז געווען אַן אוממעגליכע זאַך.

חוץ אלעמען, האָט ריפּ דערקלערט, אז באַארבייטען זיין פארם איז ארויסגעוואָרפען; דאָס איז געווען דאָס ערגסטע שטיקעל ערד אין דער גאַנצער געגענט. אַלץ איז געגאַנגען מיט די פּוטער אראָפּ און וועט געהן ווייטער אזוי — איהם אויף צו להכעיס. זיינע פּאָר־קאָנעס פלעגען האַלטען אין איין פאַנאַנדערפאַלען; זיין קוה פלעגט אָדער פארבלאָנדזשעט ווערען, אָדער זי פלעגט פארקריכען אין די קרויט; ווילדע גראָז פלעגט אויף זיינע פעלדער וואַקסען גיכער ווי ביי אַנדערע; דער רעגען פלעגט האָבען א טבע אָנצוהויבען געהן פונקט ווען ריפּ האָט געהאַט ארבייט אין דרויסען. און ניט קוקענדיג דערויף, וואָס ריפּ'ס ירושה איז זיך אונטער זיין באַלעבאַטעווען צעקראָכען, אַן אקער נאָך אַן אקער, ביז עס איז איהם געבליבען ניט מעהר ווי א פּאַס אינ־דיאַנישע קאָרן און קאַרטאָפעל, פונדעסטוועגען האָט זיין פארם געהאַט דעם ערגסטען אויסזעהן.

אויך זיינע קינדער זיינען געווען ווילד און אָפּגעלאָ־זען, פּונקט ווי זיי וואָלטען קיין טאַטען ניט געהאַט. זיי זוהן ריפּ, א יונגאַטש אין טאַטען אריין געראָטען. האָט

נעגעבען האָפּנונגען, אַז ער וועט אָפּ'ירש'ענען דעם טאַ־טענ'ס מאַניערען צוזאַמען מיט'ן טאַטענ'ס אַלטע בגדים. מייסטענס פּלעגט מען איהם זעהן נאָכגעהן דער מאַמען ווי אַ לאָשיק, אָנגעטאָן אין דעם טאַטענ'ס אַ פּאָר אָפּ־געטראָגענע מורא'דיג ברייטע און גרויסע תחתונים, וועל־כע ער האָט רק געמוזט האַלטען אונטערגעהויבען מיט איין האַנט, ווי אַ גרויסאַרטיגע דאַמע האַלט אונטער די שלעפּע פון איהר קלייד אין אַ שלעכטען וועטער.

ריפּ וואַן ווינקל איז אָבער געווען איינער פון יענע גליקליכע ברואים מיט די תם'עוואַטע צופרידענע כאַ־ראַקטערס, וואָס נעהמען זיך ניט שטאַרק צום האַרצען; עסען ווייס ברויט, אָדער שוואַרץ — וואָס עס קומט נאָר אָן גרינגער; זיי וואָלטען בעסער געהונגערט מיט אַ פּעני איידער געאַרבייט פאַר אַ פונט (שטערלינג). ווען מ'לאָזט איהם צורוה, וואָלט ער אַזוי אָפּגעפּייפט דאָס גאַנצע לעבען, גליקליך און צופרידען; אָבער די ווייב זיינע האָט איהם רק געהאַלטען אין איין עגבערען אָן אויער וועגען זיין אַרומגעהן לעדיג, וועגען זיין אָפּגע־לאָזענקייט און וועגען דעם חורבן וואָס ער ברענגט אויפ'ן הויזגעזינט.

אינדערפריה, ביינאַכט — איהר צינגעל האָט געקלונגען אָהן אָן אויפהער, און אַלץ וואָס ער האָט נאָר אַרויסגערעדט, אָדער געטאָן, האָט אומפּאַר־מיידליך אַרויסגערופען אַ מבול ווערטער פון דעם היימי־שען סאָרט. ריפּ האָט געהאַט נאָר איין מיטעל ווי צו ענטפערען אויף אַזעלכע לעקציעס; און ווייל ער האָט עס אַזוי אָפט באַנוצט, איז דאָס ביי איהם שוין געוואָרען אַ טבע. ער פלעגט אויפהויבען די אַקסלען, אַ שאָקעל טאָן מיט'ן קאָפּ, פאַרגלאָצען די אויגען, און ניט אַרויס־ריידען אַ ווערטעלע. אָבער דאָס פלעגט אַרויסציהען ביי זיין ווייב אַ פרישען שטראָם ווערטער, אַזוי אַז ער האָט שוין געמוזט אָפּטרעטען אויף דער גאַנצער ליניע און אַרויסשאַרען זיך אויף יענער זייט שטוב — די איינ־ציגע זייט וואָס געהערט באמת צו אַ מאַן, וואָס ליגט ביי דער ווייב אונטער'ן פאַרטוך.

ריפ'ס איינציגער אָנהענגער אין הויז איז געווען זיין
הונט וואָלף, וואָס איז פונקט אזוי געלעגען אונטער'ן
פארטוך, ווי זיין באַלעבאָס. ווייל מאַדאַם וואַן ווינקל
האָט זיי ביידע געהאַלטען פאַר שותפים אין ליידיג־
געהעריי, און האָט געהאַט אויף וואָלפ'ן אַ בייז הארץ,
ווי אויף איינעם וואָס איז שולדיג דערין, וואָס זיין באַ־
לעבאָס ווערט אזוי אָפט פאַרפאַלען. דעם אמת גערעדט,
אומעטום וואו עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען הינטישע
ווערדע, ווי עס פּאַסט פאַר אַן עהרענהאַפטען הונט,
וואָלט זיך וואָלף געקאָנט פארמעסטען אין מוט מיט
וועלכער ס'איז חיה אין וואלד. אָבער וואו נעהמט מען
דעם מוט בייצושטעהן די אייביגע און אַלמעכטיגע שרעק
פאַר אַ פרוי'ס צונג? דעם מאָמענט ווען וואָלף האָט
נאָר אריינגעשטעלט זיין פוס אין הויז אריין, איז ער
גלייך אַראָפּגעפאַלען ביי זיך. מיט'ן עק אַראָפּגעלאָזען
אויף דר'ערד, אָדער פאַרבויגען צווישען זיינע פיס,
פלעגט ער זיך דורכשמוגלען ווי אַ פאַר'משפּט'ער, כאַ־
פּענדיג אַלע ווייִלע אַ זייטיגען קוק אויף מאַדאַם וואַן
ווינקל. און ביי דעם מינדסטען צאַפּעל פון אַ בעזים,
אָדער אַ קאָכלעפעל, פלעגט ער נעהמען פליהען צום טיר
מיט אַ קוויטש.

וואָס ווייטער עס האָבען זיך גערוקט די יאָהרען
פון פאַמיליען־לעבען, אַלץ שווערער איז ריפּ וואַן ווינק־
לען געוואָרען. אַ ביטערער כאַראקטער ווערט קיינמאָל
ניט זיס אויף דער עלטער און אַ שאַרפער צונג איז
דער איינציגער מין שאַרף געצייג, וואָס ווערט רק
בעסער — וואָס מער מ'נוצט עס. ווען ער פלעגט
ארויסגעטריבען ווערען פון הויז, האָט ריפּ אַ היפּשע
צייט געקראָגען אַ טרייסט אין אַזאַ מין קלוב פון חכמים,
פילאָזאָפען און אַנדערע לעדיג־געהערס פון דאָרף, וועל־
כע פלעגען אָפּהאַלטען זייערע זיצונגען אויף אַ באַנק פאַר
אַ קליין שיינקעל, וואָס האָט פארמאָגט אויף זיך אַ רויט־
ליכען פּאָרטרעט פון זיין מאַיעסטעט דזשאָרדזש דעם
דריטען. אָט דאָ פלעגען זיי אין די לאַנגע פוילע זומער־
טעג זיצען אין שאָטען, אָהן אַפּעטיט קייען דאָרפישע
רכילות, אָדער דערצעהלען אומענדליכע פארשלאָפענע

מעשיות הֶעגען גאַרנישט. עס וואָלט אָבער ווערט גע־
ווען דעם מלך׳ס אוצר צוצוהערען זיך אמאָל צום טיפען
ויכ:ח, וואָס פלעגט זיך פארקאָכען, ווען אין זייערע הענט
איז אריינגעפאַלען אַן אַלטע צייטונג, וואָס מ׳האָט דורך
אַ צופאַל געפאַקט ביי אַ דורכרייזענדען. ווי פייערליך
זיי פלעגען זיך איינהערען צום אינהאַלט, וואָס פלעגט
פאַמעליך פאַרגעלייענט ווערען פון דעם סקולמייסטער
דעררריק וואַן בוממעל, אַ קליינער ריהרעוודיגער געלערנ־
טער קערל, וועלכער האָט זיך ניט אָפגעשראָקען פאר׳ן
סאַמע שווערסטען וואָרט אין ווערטער־בוך. און ווי קלוג
זיי פלעגען עס ארומטראַכטען געזעלשאפטליכע געשע־
הענישען עטליכע חדשים נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך
פאַרלאָפען.

די מיינונגען פון דעם דאָזיגען פאַרלאַמענט זיינען
פולשטענדיג קאָנטראָלירט געוואָרען פון ניקאָלאַס וועד־
דער, אַ פאַטריארך פון דאָרף און דער באַלעבאָס פון
שיינקעל. ער פלעגט אָפזיצען ביים טיר פון שיינקעל
פון אינדערפריה ביז ביינאַכט, און האָט זיך באַוועגט
בלויז אויף אזוי פיל, אויף אויסצומיידען די זון און צו
האַלטען זיך אין שאָטען פון דעם גרויסען בוים. די
שכנים פלעגען פון יעדער באוועגונג זיינער וויסען ווי
שפעט עס איז — גענוי ווי פון אַ זון־ציפערבלאַט. ס׳איז
אמת, אַז מ׳פלעגט איהם זעלטען הערען ריידען. רק ער
פלעגט רויכערען די ליולקע, אָהן אַן אויפהער. אָבער
זיינע אָנהענגער (יעדער גרויסער מענש האָט אָנהענ־
גער) האָבען איהם אויסגעצייכענט גוט פאַרשטאַנען, און
האָבען געוואוסט ווי אזוי צו דערגעהן זיין מיינונג. ווען
ער איז געווען אומצופרידען מיט עפעס, וואָס מ׳האָט
פאָרגעלייענט, האָט מען געזעהן ווי ער רויכערט די ליול־
קע אַזוי ענערגיש, און לאָזט אָפט אַרויס קורצע און
בייזע „בלאָזען" רויך; אָבער ווען ער איז געווען
צופרידען פלעגט ער פארציהען דעם רויך פאַמעלאַך און
שטיל, און ארויסלאָזען איהם אין העלע און ווייי־
כע וואָלקענדלאַך; און אַמאָל פלעגט ער גאָר אָפ־
רייסען די ליולקע פון מויל און לאָזענדיג דעם שמע־
קעדיגען רויך דרעהען זיך ארום זיין נאָז, האָט ער ערנסט

צונעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אַלס צייכען אַז ער איז פול־שטענדיג מסכים.

אפילו פון דער ראָזינגער פעסטונג פלעגט דער אומגליקליכער ריפּ סוף כל סוף פּאַרטריבען ווערען דורך זיין שטורמישער ווייב, וועלכע פלעגט זיך אריינרייסען אין דער שטילקייט פון דער פּאַרזאַמלונג און מאַכען אַלעמען אויסצודרעהען. אפילו זיין האָהייט ניקאָלאַס וועדדער, איז ניט געשאַנעוועט געוואָרען פון דעם צונג פון דעם שרעקליכען מחבל. זי פלעגט איהם טאַקע באַלד באַשולדיגען, אַז ער לערנט אויס איהר מאַן צו זיין אַ פּוסט־און־פּאַסניק.

דער אָרימער ריפּ איז שוין פּשוט שיעור ניט פּאַרצווייפעלט געוואָרען. דער איינציגער מיטעל ווי צו אַנטלויפען פון אַרבייט איז אָפּט געווען — אוועקזעצען זיך ערגעץ אונטער אַ בוים און טיילען זיך מיט זיין פּראָוויאַנט מיט וואָלפ'ן, וועמען ריפּ האָט מיטגעפיהלט ווי אַ חבר אין נויט. „אָרימער וואָלף“, פלעגט ער צום הונט זאָגען. „דיין באַלעבאָסטע טרייבט דיר צו פיהרען אַ הינטיש לעבען. אָבער ניט געזאָרגט, מיר'ן נעהמען אַ ביקס און אוועקשפּאַצירען אין וואַלד אריין, און פּטור ווערען פון דער פּאַרם מיט דער ווייב. אַזוי, גוטער ברודער, אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבען, וועט דיר ניט פעהלען די שטיצע פון אַ פריינט!“ וואָלף פלעגט הרעהען מיט'ן עק, אויפמערקזאַם קוקען זיין באַלעבאָס אין פּנים אריין, און אויב הינט קענען רחמנות האָבען, גלויב איך באמת, אַז ער האָט מיט'ן גאַנצען האַרצען געענטפערט זיין באַלעבאָס מיט די זעלבע געפיהלען.

איינמאָל אין אַ שעהנעם הערבסט־טאָג האָט ריפּ אויף אַזאַ מין סאָרט שפּאַציר מיט'ן הונט, ניט ווילענדיגערהייט זיך דערקליבען אויף איינעם פון די העכסטע טיילען פון די קעטסקיל־בערג. ער האָט זיך פּאַרנומען מיט זיין באַליבטען ספּאָרט — שיסען ביעלקעס, און יעדער שאָס פון ביקס פלעגט אָפּקלינגען און ווידערפּאַקלינגען אין דער רוהיגער שטילקייט. אַ פּאַרסאַפּעטער און אַ פּאַרמאַטערטער האָט ער זיך שפּעט בייטאָג אַנידערגעוואָרפען אויף אַ נ״ז בערייל באַדעקט מיט

בארג־גראָז, וואָס האָט באַקרוינט דעם ראַנד פון אַ טיפען אָפּגרונט. דורך אַן אָפּענעם פּלאַץ צווישען די בוימער האָט ריפּ געקענט זעהן דעם גאַנצען טאָל אויף מיילען און מיילען, רייך באַדעקט מיט וואַלד. פון דער־ווייטענס, ווייט, ווייט פון אונטען, האָט ער געזעהן דעם שטאָלצען האָדסאָן, ווי ער געהט זיך זיין שווייגענדיגען און מאַיעסטעטישען וועג, ווי עס שפּילט זיך אָפּ אין איהם אַ פּיאָלעט־קאָלירטער וואָלקען, אָדער ווי דאָ און דאָרטען שלאָפט אויף זיין גלעזערנער ברוסט אַ פאַר־שפּעטיגטע באַרקע און פאַרלירט זיך ענדליך אין דעם בלויען הויכלאַנד.

פון דער אַנדערער זייט האָט ריפּ געזעהן אַ טיפע וויסטע גרוב, וואָס איז געווען ווילד באַוואָקסען. דער גרונט פון גרוב איז געווען פול מיט שטיקער פון די אַרוי־בערהענגענדיגע פעלזען און קוים עטוואָס באַלויכטען פון די שטראַהלען, וואָס האָבען אָפּגעשלאָגען פון דער פאַר־געהענדיגער זון. אַ שטיקעל צייט איז ריפּ געלעגען און הנאה געהאט פון דער נאַטור. דער אָוועגט האָט זיך בים־לעכווייז אָנגערוקט. די בערג האָבען אָנגעהויבען וואַרפען זייערע לאַנגע בלויע שאָטענס איבער די טאָלען. ריפּ האָט זיך דערמאָנט, אַז ביז ער וועט דערגעהן צום דאָרף וועט שוין זיין פינסטער, האָט ער ארויסגעלאָזט אַ טיפען זיפץ: ער האָט זיך דערמאָנט פון דער באַגעגעניש מיט מאַדאַם וואַן ווינקל.

ווי ער האָט זיך אַזוי געקליבען אַראָפּצוגעהן, האָט ער דערהערט אַ קול פון דער ווייטענס: „ריפּ וואַן ווינקל! ריפּ וואַן ווינקל!" ער האָט זיך ארומגעקוקט אויף אַלע זייטען, אָבער ער האָט קיין זאַך ניט געזעהן, נאָר אַ קראָ, וואָס איז איינער אַליין געפלויגען איבער די בערג. האָט ער געמיינט, אַז זיין פאַנטאַזיע האָט איהם אָפּגענאַרט און ער האָט זיך ווידער גענומען צום אַראָפּקריכען. דאָ האָט ער ווידער דערהערט דעם זעלבען קול, וואָס האָט גערופען דורך דער אָוועגט־שטילקייט: „ריפּ וואַן ווינקל! ריפּ וואַן ווינקל!" אין דער זעלבער רגע האָט וואָלף אַ טרייסעל געטאָן זיין רוקען, ארויסגעלאָזט אַ שטילען ברום, זיך באַהאַלטען נעבען זיין באַלעבאָס

און אראָפּגעקוקט אין גרוב אריין מיט שרעק. ריפּ האָט דערפּיהלט, ווי אין הארצען פאר'גנב'עט זיך איהם אַ שטיקעל שרעק. ער האָט מיט פּחד געקוקט אין יענער ריכטונג אריין און מיט אַמאָל האָט ער דערזעהן, ווי אַ מאָדנע פיגור קלעטערט איבער די פעלזען מיט מאַטערניש און בויגט זיך אונטער דער שווערער משא, וואָס ער טראָגט אויף די פּלייצעס. ריפּ איז איבערראַשט געווען צו זעהן אַ מענשען אין דער פארלאָזענער גרוב. אָבער גלייך האָט ער אַ טראכט געטאָן, אַז דאָס מוז זיין אַ שכן פון דער געגענט און אַז יענער נויטיגט זיך אודאי אין זיין שטיצע, האָט ער זיך געאיילט יענעם צוהילף קומען.

ווען ריפּ איז צוגעקומען נעהענטער, איז ער נאָך מעהר איבערראַשט געוואָרען פון דעם מאָדנעם אויסזעהן פון דעם אומבאקאנטען. דאָס איז געווען אַ נידעריגער, ברייט־ביינערדיגער אַלטען מאַן, מיט געדיכטע האָר און אַ גרוילעכער באָרד. אָנגעטאָן איז ער געווען אויפ'ן אַל־טען האָלענדישען שטייגער: אין אַ געוואַנטענע קורטקע, איינגענומען ארום דער טאַליע מיט אַ פּאַס, און אין עטליכע פּאָר הויזען. די אויסענווייניגסטע פּאָר האָט געהאַט אַ גאַנץ ברייטען פארנעהם, און איז געווען באַ־פּוצט מיט ציילען קנעפּלאך ביי די זייטען און אַ סך קנעפּלאך ביי די קני. אויף זיינע פּלייצעס האָט ער געטראָגען אַ ברייט פעסעל, וואָס האָט אויסגעזעהן צו זיין פול מיט שנאַפּס, און ער האָט געגעבען ריפּ'ן צו פארשטעהן ער זאָל צוקומען און העלפען איהם ארויפ־שלעפּען די משא. הגם ריפּ האָט געהאַט זעהר קנאַפּ חשק און וועניג צוטרוי צו דער דאָזיגער נייער באקאנטשאפט, האָט ער דאָך ערפילט יענעם'ס פארלאַנג. מיט זיין גע־וויינטליכער ריהרעווודיגקייט. נאָכדעם, ווי זיי האָבען זיךביידע געגענזייטיג צוגעהאָלפען, האָבען זיי זיך פארנו־מען אַרויף איבער אַ שמאָלען גראָבען, וואו עס איז אַפּנים אַמאָל געלאָפען אַ באַרג־וואַסערעל. בשעת זיי האָבען אזוי געקלעטערט ארויף, האָט ריפּ אַלע מאָל דערהערט לאַנגע קייקעלדיגע קלעפּ, ווי דער קלאַנג פון אַ ווייטען דונער. עס האָט זיך געדאַכט, ווי דער קלאַנג איז ארויסגעקומען פון אַ טיפען שפּאַלט, אָדער אָפּגרונט, צווישען די הויכע

פעלזען, צו וועלכע זייער געשלענגעלטער וועג האָט גע־פיהרט. ריפּ האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מאָמענט, אָבער מיינענדיג, אַז דער טומעל קומט פון איינעם פון יענע שנעל־פאַרבייגעהענדיגע רעגען־שטורעמס, וואָס קו־מען אָפט פאָר אין די הויכענישען פון די בערג, האָט ער פאָרגעזעצט זיין וועג. פאַרבייגעהענדיג דעם שפּאַלט, זיינען זיי געקומען צו אַ פּלאַכען אָרט, וואָס האָט אויס־געקוקט, ווי אַ קליינער אמפיטעאטער, ארומגערינגעלט מיט טיפע אָפּגרונטען. די ראַנדען פון די אָפּגרונטען זיינען געוועזען באוואקסען מיט בוימער, און מ'האָט נאָר נעקענט דורך זיי זעהן שטיקלאַך פון בלויען הימעל און די העלע אָווענט ־ וואָלקענס. די גאַנצע צייט איז ריפּ און זיין באַגלייטער געגאַנגען שווייגענדיג. הגם ריפּ האָט בשום אופן ניט געקענט פאַרשטעהן וואָס פאַר אַ צוועק עס האָט צו טראָגען אַ פעסעל שנאַפּס ארויף אויף אַ ווילדען באַרג, אָבער עפּעס איז געוועזען אין דעם אומ־באַקאַנטען אַזוינס, וואָס האָט דערוועקט אַ שרעק און פאַרטריבען יעדען חשק צו פאַרפיהרען אַ שמועס.

אריינקומענדיג אין אַמפיטעאטער האָט מען געקע ט דערזעהן נייע וואונדערליכע זאַכען. אין סאַמע מיטען, אויף אַ פּלאַכען פּלאַץ איז געזעסען אַ קאָמפּאַניע משונה'־דיגע חברה־לייט און געשפּילט אין קעגלען. זיי זיינען געוועזען געקליידט אויף אַ מאָדנעם ניט־היגען שטייגער. איינע זיינען געוועזען אָנגעטאָן אין אַזוינע קאַמזוילען, אַנדערע אין קורטקעס, מיט לאַנגע קינזשאַלען אין די פּאַסען, און די מייסטע פון זיי האָבען געהאַט ריזיגע הויזען, אויפ'ן זעלבען שטייגער, ווי דעם באַגלייטער'ס. זייערע געשטאַלטען זיינען אויך געוועזען עפּעס אויסטער־ליש: איינער האָט געהאַט אַ גרויסע קאָפּ, אַ ברייט גע־זיכט, און קליינע חזיר'שע אויגלאַך. אַן אַנדערער'ס אַ פּנים האָט אָבער אויסגעזעהן ווי ער וואָלט אינגאַנצען באַשטאַנען פון נאָז, און האָט געהאַט איבער זיך אַ ווייַ־סען הוט, ווי אַ היטעל־צוקער, מיט אַ רויטען פעדער פון אַ האָן אויפ'ן שפּיץ. אַלע האָבען זיי געהאַט בערד, פון פאַרשיידענע פאָרמען און קאָלירען. איינער איז דאָרט געוועזען, וואָס האָט אויסגעזעהן צו זיין דער קאָמאַנ־

דיר. ער איז געווען אַן עלטערער דיקער מענש, מיט אַ
נעזיכט, וואָס איז געווען פאַרהאַרטעוועט פון וועטער.
ער האָט געטראָגן אַ קאַמזויל באַפּוצט מיט שנורען, אַ
ברייטען פאַס מיט אַ הענגער, אַ הויכען הוט מיט אַ
פעדער, רויטע זאָקען און שיך מיט הויכע אָפּצאַסען, מיט
בלומען אין די שיך. די גאַנצע גרופּע האָט ריפּ'ן דער־
מאָנט אָן די פיגורען פון אַן אַלטער פלעמישער בילד,
וואָס געפינט זיך אין זאַל פון דאָרפישען גלח דאָמיניע
וואַן שאַיק, און וואָס מ'האָט אַריבערגעבראַכט פון
האָלאַנד בשעת די ערשטע קאָלאָניסטען זיינען געקומען.

מעהר פון אַלץ האָט ריפּ'ן אויסגעזעהן מאָדנע, וואָס
די אַלע מענשען, וואָס האָבען זיך אַפּנים אַמוזירט, האָ־
בען אָבער געהאַט מורא'דיגע ערנסטע געזיכטער, געשוויגען
אַזוי געהיימניספול און זיינען בכלל געווען די סאַמע
מעלאַנכאָלישסטע גרופּע מענשען, וואָס ער האָט ווען עס
איז געזעהן. קיין שום זאַך האָט ניט איבערגעריסען די
שטילקייט פון דעם פּלאַץ, בלויז דער טומעל פון די קעג־
לען. בשעת מ'האָט זיי געקייקעלט האָבען זיי אין די
בערג אַרויסגערופען אַ ווידער־קול ווי דאָס קייקלען זיך
פון אַ דונער.

ווען ריפּ און זיין באַגלייטער זיינען צוגעקומען צו
זיי, האָבען זיי אויפגעהערט שפּילען און אָנגעשטעלט
אויף איהם אַזאַ פאַרשטיינערטען בליק און אַזעלכע מאָד־
נע, אומגעלומפּערטע און פאַר'כשור'טע פנימ'ער, אַז אין
האַרצען איז איהם איינגעפאַלען, און די פיס האָבען זיך
איהם אָנגעהויבען אונטערברעכען. דערווייל האָט זיין
באַגלייטער אויסגעליידיגט דאָס פעסעל משקה אין גרויי־
סע קופלען, און האָט צוגעוואונקען ריפּ'ן ער זאָל דער־
לאַנגען דער קאָמפּאַניע. ריפּ האָט געפאָלגט מיט פּחד
און ציטערניש. זיי האָבען אַריינגעזופּט די שנאַפּס מיט
אַ טויטער שטילקייט און דערנאָך זיך ווידער גענומען
צום שפּילען.

ביסלעכווייז האָט זיך פון ריפּ'ן אָפּגעטאָן די שרעק.
ווען קיינער האָט ניט געזעהן, האָט ער זיך אפילו
דערוועגט צו פאַרזוכען די משקה און איז דערגאַנגען,
אַז דאָס האָט אַ טעם פון אויסגעצייכענטע האָלענ־

דישע שטאָף. ער איז, פאַרשטעהט זיך, געווען ניט מעהר ווי אַ מענש און באַלד האָט איהם געקאָרטעט אריינ־צוכאַפּען נאָך אַ זופּ. איין זופּ האָט געשלעפּט דעם אַנ־דערען, און ער האָט ווידערהאָלט זיינע וויזיטען צום קר־פּעל אזוי אָפּט, אַז ער איז סוף־כל־סוף געוואָרען שוואַך אויף די נעדראַנקען, די אויגען אין קאָפּ האָבען איהם אַנ־געהויבען ארומשווימען, די קאָפּ האָט ביסלעכווייז גע־נומען זינקען און ער איז אריינגעפאַלען אין אַ טיפען שלאָף.

ווען ריפּ האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט ער דערזעהן ווי ער ליגט אויף דעם גרינעם בערגעל פון וועלכען ער האָט צום ערשטען דערזעהן דעם אַלטען מאַן פון גרוב. ער האָט זיך אויסגעריבען די אויגען. ס'איז געווען אַ העלער זוניגער פריהמאָרגען. די פויגעל האָבען ארומ־געשפּרונגען און געצוויטשערט אין די בוימלאַך, און דער אָדלער האָט ארומגעקרייזט אין דער הויך און זיך געטראָ־גען מיט זיין ברוסט אַנטקעגען דעם לויטערען בערג־ווינט. „כ'מיין", האָט ריפּ גערעדט צו זיך אַליין, „כ'האָב דאָ ניט אָפּגעשלאָפען די גאַנצע נאַכט ? !" ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס עס האָט פּאַסירט איידער ער איז אַנט־שלאָפען געוואָרען. דער אומבאַקאַנטער מיט'ן פּעסעל שנאַפּס, דער גראָבען צווישען די בערג, דער ווילדער פּלאַץ צווישען די פעלזען, די פאַראומערטע חברה ביי די קעגּ־לען, דער קופּעל. „אַ דער ממזר'שער קופּעל", האָט ריפּ נעטראַכט, „וואָס פאַר אַ תירוץ וועל איך זאָגען דער מאַדאַם וואַן ווינקל ?"

ער האָט זיך ארומגעקוקט נאָך זיין ביקס, אָבער אויפ'ן אָרט פון דער ריינער, גוט־געאוילטער יאַגד־ביקס האָט ער געפונען אַן אַלטען ביקס־שטאַנג נעבען איהם, דער באַראַבאַן פאַרזשאַווערט, דער שלאָס קוים וואָס ער האַלט זיך, די האָלץ צעפּרעסען פון ווערים. דאָ האָט ער חושד געווען, אַז די פאַרכמורעטע העלדען האָבען איהם אָפּגעטאָן אַ שפּיצעל, איינגעשלעפּערט איהם מיט שנאַפּס און צוגעלאַטכענט ביי איהם די ביקס. וואָלף איז אויך פאַרשוואונדען. אָבער אפשר איז ער אוועק ערגעץ נאָכ־יאָגענדיג אַ ביעלקע, אָדער אַ קוראָפּאַטקע. ריפּ האָט

אַ פּייף געטאָן נאָכ'ן הונט, גערופען איהם ביים נאָמען, אָבער ס'האָט גאָרניט געהאָלפען. דער ווידערקול האָט אָפּגעענטפערט זיין פּייף און זיין געשריי, אָבער קיין הונט האָט מען ניט געזעהן.

ריפּ האָט באַשלאָסען אריבערצוגעהן נאָכאמאָל אויף יענעם אָרט, וואו די חברה איז נעכטען געזעסען, און טאָמער טרעפט ער אָן עמיצען פון זיי וועט ער פאָדערען מ'זאָל איהם אָפּגעבען זיין הונט מיט דער ביקס. אַזוי ווי ער האָט זיך גענומען אויפהויבען, האָט ער דערפיהלט ווי די ביינער ברעכען איהם און עפּעס איז ער ניט אַזוי ריהרעוודיג, ווי שטענדיג. „די געלעגערס אין די בערג זיינען ניט גוט פאר מיר", האָט ריפּ געטראַכט. „און אויב די חתונה'קע זאָל מיר אַוועקלעגען אויף רומאַטיזם, וועל איך פון דער מאַדאַם וואַן ווינקל שעפּען נחת". קוים מיט צרות איז ער אַראָפּ אין גרוב אריין. ער האָט געפונען דעם גראָבען, איבער וועלכען ער האָט נעכטען אַוועגט געקלעטערט מיט זיין באַגלייטער, אָבער צו זיין גרויס וואונדער האָט ער דערזעהן, ווי איבער'ן גראָבען שטראָמט אַראָפּ אַ וואַסערפאַל, שפּרינגט פון פעלז צו פעלז, און פילט אָן די גרוב מיט אַ מורמלעריי. ער האָט פונדעסטוועגען געמאכט אַן אָנשטרענגונג ארויפצוקלעטערען האַלטענדיג זיך ביי דער זייט פון וואַסערפאַל, דורכמאַכענדיג זיך אַ וועג מיט מאַטערניש, דורך ווערבעס, סאַסאַפראַס און ניס־בוימלאַך. אָפּט האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט אין די ווילדע וויינטרויבען־צווייגען וואָס האָבען זיך דורכגעפּלאָכטען פון איין בוים צום אנדערען און אויסגעשפּרייט זיך איהם אין וועג ווי אַ נעץ.

ענדליך איז ער צוגעקומען צום אָרט וואו דער גראָבען האָט פריהער דורך דער עפענונג צווישען די פעלזען געפיהרט צום אַמפיטעאַטער. אָבער איצט איז קיין שום שפּור ניט געווען פון אַזאַ עפענונג. פאַר ריפּ'ן איז געווען אַ פעסטע וואַנט פון פעלזען איבער וועלכער ס'האָט געפלאָסען אַ שטראָם, זיך באַוועגט ווי אַ ליילאַך פון ווייסען שוים, און איז אריינגעפאַלען אין אַ ברייטען טיפען באַסיין, וואָס איז שווארץ געווען פון די שאָטענס וואָס דער וואַלד האָט געוואָרפען. דאָ איז נעבאַך דער

אַרימער ריפּ שטעהן געבליבען. ער האָט ווידער גערופען און געפּייפט נאָך זיין הונט, אָבער דעם איינציגען ענטפער, וואָס ער האָט געקראָגען, איז געקימען פון א מחנה קראָהען, וואָס האָבען זיך פּוסט־און־פּאַס ארומגע־דרעהט אין דער הויך, ארום א פאַרטריקענטען בוים, וועל־כער איז אַריבערגעהאנגען איבער אַן אָפּגרונט, וואָס איז געווען באַגאָסען מיט זון; די קראָהען, פיהלענדיג זיך זיכער אין דער הויך, האָבען אַראָפּגעקוקט און ווי אָפּגע־שפּאָט פון דעם אָרימען מענשען, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ צעטומעלטער: וואָס טוט מען דאָ? דער פריהמאָר־גען האָט זיך ביסלעכווייז אַוועקגערוקט און ריפּ'ן האָט שטאַרק אָנגעהויבען ציהען ביים האַרצען. ער וואָלט שוין געראַרפט עסען פריהשטיק. ס'האָט איהם פאַרדראָסען אויפצוגעבען זיין הונט און זיין ביקס; ער האָט זיך געשראָקען פאַר זיין ווייב; אָבער וואָס וועט שוין אַרויסקומען ווען ער וועט אויסגעהן פון הונגער צווישען די בערג? ער האָט אַ ווײלע געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, פאַרוואָרפען דעם פאַרזשאַווערטען ביקס־שלאָס אויפ'ן אַק־סעל, און מיט יסורים און שרעק אין האַרצען האָט ער גענומען געהן אַהיים.

ווי ער איז אַזוי געקומען נאָהענט צום דאָרף, האָט ער אָנגעטראָפען עטליכע מענשען, אָבער קיינעם פון זיי האָט ער ניט געקענט. דאָס האָט איהם אַביסעל גע־וואונדערט, ווייל ער האָט שטענדיג געמיינט, אַז ער קען יעדען איינוואוינער אין דער געגענט. אויך זייערע מלבושים זיינען געווען גאָר אַנדערע, ווי די צו וועלכע ער איז געוואוינט געווען. אַלע האָבען זיי געקוקט אויף איהם מיט דערשטוינטע בליקען און יעדעס מאָל, וואָס זיי האָבען אויסגעשטעלט אויף איהם די אויגען, פלעגען זיי זיך אַ מאַך טאָן מיט'ן האַנט איבער דער מאָרדע. די אָנגעטראָפענע מענשען האָבען אַזוי אָפט געמאַכט מיט'ן האַנט איבער דער מאָרדע, אַז ריפּ אַליין האָט ניט־ווילענ־דיג אויך אַזוי א מאַך געטאָן, און דאָ האָט ער זיך צו זיין גרויסער איבעררעשונג ארומגעזעהן, אַז איהם איז אויס־געוואַקסען אַ באָרד אויף אַ גאַנצע פוס די לענג!

ריפּ האָט אָנגעהויבען אריינגעהן אין דאָרף אריין.

אַ גאַנצע מחנה אומבאַקאַנטע קינדער איז איהם נאָכגע־לאָפען מיט פּאַראַד, געהוקעט און געטייטעלט אויף זיין גרויע באָרד. אויך די הינט, צווישען וועלכע ער האָט קיין איינציגען באַקענטען ניט באַמערקט, האָבען איהם באַגעגענט מיט אַ בילעריי וואו ער איז נאָר פאַרבייגע־גאַנגען. דער דאָרף אַליין איז גאָר געוועזן עפּעס אַן אַנ־דערער. ער איז געוועזן גרעסער און מעהר באַוואוינט. עס זיינען געוועזן רייהען הייזער, וואָס ער האָט פריהער קיינמאָל ניט געזעהן, און די הייזער, וואָס ער פלעגט אָפט באַזוכען, זיינען איינגאַנצען פאַרשוואונדען. איבער די טירען זיינען געוועזן אומבאַקאַנטע נעמען, אין די פענ־סטער — אומבאַקאַנטע פּנים׳ער. אַלץ איז געוועזן אומ־באַקאַנט. איצט האָט זיך איהם אָנגעהויבען מישען אין קאָפּ. ער האָט אָנגעהויבען טראַכטען, אפשר איז ער פאַר׳כישופ׳ט צוזאַמען מיט׳ן דאָרף. ס׳איז קיין פראַגע ניט, אַז דאָס איז געוועזן זיין היימישער דאָרף, וואָס ער האָט ערשט נעכטען פאַרלאָזען. אָט זיינען די קעטסקיל־בערג, און אָט דאָרטען פון דערווייטענס פליסט דער זיל־בערנער האָדסאָן. יעדעס בערגעל און יעדער טאָל איז געוועזן פּונקט ווי שטענדיג. ריפּ איז געוועזן פאַראומערט און צעטומעלט. „יענער קופעל נעכטען ביינאַכט האָט גאָר אַוועקגע׳פּטר׳ט מיין אָרימע קאָפּ“.

קוים מיט צרות האָט ריפּ געפונען דעם וועג צו זיין איינענער הויז, צו וועלכער ער האָט זיך דערנענטערט מיט אַן אינערליכער שרעק. ער האָט זיך יעדע ווייל־געריכט צו דערהערען די קוויטשענדיגע שטימע פון מאַ־דאַם וואַן ווינקל. דערזעהן האָט ער אָבער, אַז פון דער הויז איז געוואָרען אַ חורבה: דער דאַך איינגעפאַלען, די פענסטער צעבראָכען, די טיר אראָפּגענומען פון די זאַוויעסעס. אַן אויסגעצערטער הונט, וואָס האָט אויס־געזעהן ווי וואָלף, האָט זיך ארומגענורעט ארום הויז. ריפּ האָט איהם אָנגערופען ביים נאָמען, אָבער דער אויסגע־קראָכענער הונט האָט אַ ברום געטאָן, אויסגעשטעלט זיי־נע ציינער און איז זיך אוועק זיין וועג. דאָס איז שוין באמת געוועזן אַ פּאַטש אין פּנים. „מיין איינענער הונט האָט מיך פאַרגעסען!“ האָט דער אָרימער ריפּ געזיפצט.

ער איז אַריין אין הויז, וועלכע מאַדאַם וואַן ווינקל
אַט, דעם אמת געזאָגט, שטענדיג געהאַלטען זעהר ציכ־
יג. די הויז איז געווען פאַרנאַכלעסיגט, פּוסט און,
ייזט אויס, פאַרלאָזען. די איינזאַמקייט האָט פון איהם
ינגאַנצען פאַרטריבען זיין שרעק פאַר דער ווייב. ער
אָט אויף אַ הויכען קול אָנגעהויבען רופען זיין ווייב,
ינע קינדער. די איינזאַמע צימערען האָבען אַ ווייל
פּגעקלונגען מיט זיין שטימע און דערנאָך האָט ווידער
עהערשט אַ שטילקייט.

איצטער איז ריפּ שנעל ארויסגעלאָפען און זיך גע־
יילט צו זיין אַלטען אָרט — צום דאָרף־שיינקעל, אָבער
אָס שיינקעל איז אויך איז פאַרשוואונדען געוואָרען. אויפ'ן
אָרט פון שיינקעל איז געשטאַנען אַ גרויסע צעפּאָהרענע
ילצערנע געביידע, מיט גרויסע געגעצענדיגע פענסטער,
טליכע פון זיי צעבראָכען און פאַרשטאָפּט מיט אַלטע
היטלען און אונטער־קליידלאַך, און איבער'ן טיר איז גע־
וען אויפגעשריבען: „דהי יוניאָן האָטעל, ביי דזשאָנאַ־
טאַן דוליטל". אויפ'ן אָרט פון גרויסען בוים, וואָס פלעגט
נאַשיצען יענעם אַלטען און שטילען האָלענדישען שיינ־
קעל, איז איצט געווען אַ הויכער ארומגעהאקטער נאַ־
קעטער פלאָקען, מיט עפּעס אַזוינס פון אויבען, וואָס האָט
אויסגעזעהן, ווי אַ רויטע נאַכט־יאַרמולקע, און אויף דעם
האָט געפלאַטערט אַ פאָן אויף וועלכער ס'איז געווען
אויף אַ מאָדנעם שטייגער אויסגעשטעלט שטערען מיט
פּאַסען. דאָס אַלץ איז געווען אַזוי משונה'דיג און אומ־
באַגרייפליך. ער האָט דערקענט אויף דער שילד דאָס
רויטע געזיכט פון קעניג דזשאָרדזש, אונטער וועלכען ער
האָט מיט אַ רוהיגען געמיט אויסגערויכערט אַזוי פיל
ליולקעס, אָבער אַפילו די בילד איז געווען מאָדנע געענ־
דערט. די רויטע פאַרב איז פאַרביטען געוואָרען אויף
בלוי און געל, אָנשטאָט אַ סצעפּטער האָט די פיגור גע־
האַלטען אין האַנט אַ שווערד, די קאָפּ איז געווען דע־
קאָרירט מיט אַ דריי־עקיגען הוט, און אונטער דער בילד
איז געווען אויפגעשריבען מיט גרויסע אותיות גענעראַל
וואַשינגטאָן.

ביים טיר פון הויז איז געווען אַן עולם, ווי שטענ־

דיג, אָבער קיינעם האָט ריפּ ניט געקענט. דאָס זיינע געוועזענע אינגאַנצען אַנדערע מענשען. אין זייער געשפּרעך האָט זיך געהערט אַ לעבעדיגער, ריהרעוודיגער היציגער טאָן, אָנשטאָט די שטענדיגע פלעגמאַטישקייט און פאַרשלאָפענע שטילקייט. אומזיסט האָט ריפּ דאָ געזוכט דעם אַלטען חכם ניקאָלאַס וועדדער, מיט זיין ברייט געזיכט, מיט זיין טאָפּעלטע מאָרדע און העלער לאַנגער ליולקע, וואָס האָט אַרויסגעלאָזען וואָלקענס טאַבאַק־רויך, אָנשטאָט פוסטע רעדעס; אָדער וואַן בוממעל, דעם סקולמייסטער, אויסטיילענדיג פּאַמעליך דעם אינהאַלט פון אַן אור־אַלטער צייטונג. אָנשטאָט זיי האָט אַ מאַגערער, יאַדישליווער מאַן, וואָס זיינע קעשענעס זיינען געווען אָנגעשטאָפּט מיט בלעטלאַך, געמאַכט מורא׳דיגע קולות וועגען בירגער־רעכט, וואַהלען, קאָנגרעסלייט, פרייהייט, באַנקער הילל*), די העלדען פון יאָר 1776, און אַנדערע ווערטער, וואָס האָבען פאַר׳ן צעמישטען וואַן ווינקל געקלונגען ווי דער לשון פון דור הפלגה.

ריפּ׳ס אויסזעהן, מיט זיין לאַנגער גרויליכער באָרד, זיין פאַרזשאַווערטער יאַגד־ביקס, זיין מאָדנעם הילוך, און מיט דער מחנה פרויען אין קינדער, וואָס זיינען איהם נאָכגעלאָפען, האָט באַלד צוגעצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון די שיינק־פּאָליטיקער. זיי האָבען זיך מיט גרויס נייגעריגקייט אַרומגעשטעלט אַרום איהם, אָפּמעסטענדיג איהם מיט די אויגען פון קאָפּ ביז פּיס. דער רעדנער איז צוגעשפּרונגען צו איהם, אָפּגעשלעפּט איהם עטוואָס אָן אַ זייט און אַ פרעג געטאָן איהם אויפ׳ן אויער: „פאַר וועמען האָסטו אָפּגעגעבען דיין שטימע?“ ריפּ האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר נאַרישע אויגען. אַן אַנ־

*) ביי באָנקער הילל, אין שטאַט מאַסאַטשוסעטס, איז דעם 17טען יוני, 1775, פאָרגעקומען דער ערשטער באַדייטענ־דער צוזאַמענשטויס צווישען די אַמעריקאַנער רעבעלען און די מיליטער פון דער ענגלישער מאַכט, — אין אָנהויב פון דער באַפרייאונגס־מלחמה, וואָס די אַמעריקאַנער קאָלאָניסטען האָבען אָנגעהויבען געגען דער ענגלישער הערשאַפט.

—דער איבערזעצער.

ער מאַן, אַ דיקער און אַ נידעריגער, האָט איהם אַ ציה
עטאָן פאַר'ן האַנד און, שטעלענדיג זיך אויף די שפּיץ
ינגער, ארייננגעפרעגט איהם אין אויער אריין צי ער איז
אַ פעדעראַלער אָדער אַ דעמאָקראַט". ריפ האָט פונקט
וואוי די פראַגע ניט אָנגעהויבען צו פאַרשטעהן. דאָ איז
ונגעקומען אַ כיטרער, פאַרריסענער עלטערער מאַן, מיט
ו דריי־שפּיציגען הוט, האָט זיך דורכגעשפאַרט אַ וועג
ורכ'ן עולם, אַרבייטענדיג מיט די עלענבויגענס אויף
עכטס און לינקס, אוועקגעשטעלט זיך פאַר וואַן ווינקלען
מיט איין האַנט „פאַד־באָקאָם" און די אַנדערע אָנגע־
עהנט אויף זיין שטעקען, און דורכנעהמענדיג ריפ'ן מיט
יין שאַרפען בליק און קאַנטיגען הוט, האָט ער, דער אַל־
טער, אַ פרעג געטאָן ריפ'ן מיט אַ שטרענגען טאָן, —
וואָס האָט איהם געבראַכט אַהער צו די וואַהלען מיט אַ
ביקס אויף די פּלייצעס? מיט אַ מחנה מענשען נאָך
איהם? און צי האָט ער ניט בדעה אָנצומאַכען אומרו־
הען אין דאָרף?

„זאָל גאָט היטען, דזשענטלמען", האָט ריפ אויסגע־
רופען עטוואָס אַ דערשראָקענער. „איך בין אַן אָרימער
שטילער מענש, אַ היגער אַ געבוירענער, און אַ לאָיאַ־
לער אונטערטאַן פון דעם קעניג, גאָט זאָל איהם אָפּ־
היטען!"

דאָ האָבען אַלע אויסגעבראָכען מיט איין געשריי:
„אַ טאָרי*)! אַ טאָרי! אַ שפּיאָן! אַן אַנטרו־
ענער! נעהמט איהם! כאַפּט איהם!"

קוים מיט מאַטערניש האָט דער אַלטער פאַרריסע־
נער מאַן איינגעשטילט דעם עולם. און נאָכדעם ווי ער
האָט צונויפגעקנייטשט זיינע ברעמען צעהן מאָל שטרענ־
גער ווי פריהער, האָט ער ווידער געפאָדערט אַן ענטפער
פון ריפ'ן, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ פאַר'משפּט'ער.
וואָס האָט איהם געבראַכט אַהער? און וועמען דאַרף
ער? דער אָרימער מענש'ל, ריפ, האָט מיט הכנעה
פאַרזיכערט, אַז ער מיינט קיין שום שלעכטס ניט, אַז ער

---

*) טאָרי איז אַ קאָנסערוואַטאָר, אַ פעסטער אָנהענגער
פון דער ענגלישער מאָנאַרכיע.

איז נאָר געקומען אַ זוך טאָן עטליכע שכנים זיינע, וואָ
פלעגען זיך אויפהאַלטען ארום שיינקעל.

„טאַקע? ווער זיינען זיי? ווי הייסען זיי?"

ריפּ האָט זיך אַ ווײַלע מישב געווען און אַ פרע
געטאָן: „וואו איז ניקאָלאַס וועדדער?"

אַ שטיקעל צייט האָט געהערשט אַ שטילקייט, בי
אַן אַלטער מאַן האָט זיך אָפּגערופען מיט אַ דינע
קוויטשענדיגער שטימע: „ניקאָלאַס וועדדער? אָ, ע
איז דאָך שוין טויט אַן ערך אַכצעהן יאָהר! אין קלויסטע
אויפ'ן הויף איז געווען אַ הילצערן ברעטעל, אויף וועל
כען ס'איז אַלצדינג געווען אויפגעשריבען, אָבער דאָ
ברעטעל איז צעפוילט געוואָרען און שוין פארשוואונדע
אויך".

„וואו איז בראָם דאַטשער?"

„אָ, ער איז אַוועק אין דער ארמיי צום אָנהויב פו
דער מלחמה. אנדערע זאָגען ער איז גע'הרג'עט געוואָרע
בשעת זיי האָבען געשטורעמט סטאָון פּאָינט, און גאָ
אַנדערע זאָגען, אַז ער איז דערטרונקען געוואָרען אי
דעם שטורעם ביי „אַנטאָני'ס נאָז". ווער ווייס — צו
ריק איז ער שוין ניט געקומען".

„וואו איז וואַן בוממעל, דער סקולמייסטער?"

„ער איז אויך אַוועק אין מלחמה. געווען אַ גרוי
סער גענעראַל אין דער מיליציע און איצט זיצט ער אי
קאָנגרעס".

ריפּ'ן איז איינגעפאַלען אין האַרצען דערהערענדי
וועגען די טרויעריגע ענדערונגען וואָס זיינען פאָרגעקו
מען מיט זיין היים, מיט זיינע פריינט. ער האָט זיך
דערפיהלט איינער אַליין אין דער גאַנצער וועלט. די ענט
פערס גופא זיינען פאַר איהם געווען אַ רעטעניש. מלחמה
קאָנגרעס, סטאָון פּאָינט! ער האָט קיין מוט ניט געהאַט
ווייטער צו פרעגען וועגען פריינט. מיט פאַרצווייפלונג
האָט ער אויסגערופען: „קען דאָ קיינער ניט ריפּ וואַ
ווינקלען?"

„אָ, ריפּ וואַן ווינקלען?", האָבען אַ צוויי אָדער דריי
אָפּגעענטפערט. „אודאי, ווי דען? אָט דאָרט איז ריפּ
וואַן ווינקל, אָנגעשפּאַרט אָן בוים".

ריפּ האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזעהן אַ געגנויע קאַפּיע פון זיך אַליין, ווי ער האָט אויסגעזעהן ווען ער איז אַוועק אין די בערג; אַפּנים פּונקט אַזוי פויל, און, אָהן ספק, פונקט אַזוי אָפּגעלאָזען. איצטער איז שוין דער אָרימער ריפּ געווען אינגאַנצען צעשעלעמיעט. ער האָט שוין אָנגעהויבען צווייפלען צי ער איז — ער, אָדער ניט אַמאָל עמיצער אַנדערש. ווי ער איז אַזוי געשטאַנען אַ צעמישטער, האָט איהם דער מאַן מיט'ן דריי־קאַנטיגען הוט אַ פּרעג געטאָן ווער ער איז, ווי רופט מען איהם?

„גאָט ווייס", האָט זיך ריפּ אָפּגערופען, פּאַרלירענ־דיג אינגאַנצען זיין שכל. „איך בין ניט איך — איך בין עמיצער אַנדערש — אָט דאָרט בין איך — ניין — דאָס איז עמיצער אַנדערש, וואָס איז אַריינגעקראָכען אין מיין הויט אַריין — איך בין געווען איך נעכטען ביי־נאַכט, אָבער איך בין אַנטלאָפען אויפ'ן באַרג, און זיי האָבען איבערגעביטען מיין ביקס, און אַלצדינג האָט זיך איבערגעביטען, און איך בין איבערגעביטען, און איך קאָן ניט זאָגען ווי איך הייס, אָדער ווער איך בין!"

די וואָס זיינען געשטאַנען אַרום איהם האָבען איצט אָנגעהויבען קוקען איינער אויפ'ן אַנדערען, שאָקלען מיט די קעפּ, באַדייטונגספול אונטערווינקען און צוטראָגען די פינגער צו די שטערענס. מ'האָט אויך אָנגעהויבען מורמלען, אַז מ'דאַרף צונעהמען די ביקס, כדי דער אַל־טער, ריפּ, זאָל ניט אָנטאָן עפּעס אַן אומגליק. ווי נאָר דער פּלאַן איז אַרויסגעבראַכט געוואָרען אויף די ליפּען, האָט זיך דער אַלטער פּאַרריסענער דזשענטלמען מיט'ן דריי־קאַנטיגען הוט גאַנץ שנעל אָפּגעטראָטען. אין דעם דאָזיגען קריטישען מאָמענט האָט זיך דורך דער גרופּע דורכגעשטופּט אַ ריהרעוודיגע סימפּאַטישע פרוי, וועלכע האָט געוואָלט אַ קוק טאָן אויפ'ן מאַן מיט דער גרויער באָרד. אויפ'ן האַנט האָט זי געהאַלטען אַ פיין קינד מיט רויטע בעקלאַך. דאָס קינד האָט זיך גלייך דערשראָקען פאַר ריפּ'ס אויסזעהן און אָנגעהויבען צו וויינען. „שאַ, ריפּ", האָט די פרוי זיך אָפּגערופען צום קינד, „שאַ, דו נאַרעלע איינער. דער אַלטער וועט דיר גאָרניט טאָן". דעם קינד'ס נאָמען, דער מוטער'ס אויסזעהן, דער טאָן

פון איהר שטימע, דאָס אַלץ האָט ביי ריפּ'ן אין די גע־דאַנקען אַרויסגערופען אַ ים מיט עראינערונגען.

„ווי רופט מען אייך, ליבע פרוי", האָט ער געפרעגט.

„יהודית גאַרדעניער".

„און דיין פאָטער'ס נאָמען ווי איז געווען?"

„אָ, דער אָרימער פאָטער! מ'האָט איהם גערופען ריפּ וואַן ווינקל. שוין צוואַנציג יאָהר, אַז ער איז אַוועק פון הויז מיט זיין ביקס, און פון דעמאָלט אָן האָט מען פון איהם ניט געהערט. דער הונט זיינער איז אהיימ־געקומען אָהן איהם. קיינער ווייס ניט, צי ער האָט זיך געשאָסען, אָדער די אינדיאַנער האָבען איהם געפאַנגען. איך בין דעמאָלט געווען אַ קליין מיידעלע".

ריפּ האָט געהאַט בלויז נאָך איין פראַגע צו פרעגען. אָבער ער האָט עס געטאָן מיט אַ שרעקעדיגער שטימע:

„וואו איז דיין מוטער?"

„אָ, זי איז אויך געשטאָרבען אַ קורצע צייט נאָכ־דעם. זי האָט זיך איינמאָל אַזוי פאַנאַנדערגעשריען אויף אַ ניו ענגלענדער פעדלער, אַז ס'האָט איהר געפּלאַצט אַן אָדער".

אַ שטיקעל דערקוויקונג איז דאָך געווען אין די נייעס, וואָס די פרוי האָט איהם דערצעהלט. דער אָרימער קערל האָט זיך שוין מעהר ניט געקענט איינהאַלטען. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין טאָכטער מיט איהר קינד אין זיינע אָרעמס. „איך בין דיין פאָטער", האָט ער אויסגעשריען, „אַמאָל בין איך געווען אַ יונגער ריפּ וואַן ווינקל, איצ־טער בין איך אַן אַלטער ריפּ וואַן ווינקל! — קען קיינער ניט דעם אָרימען ריפּ וואַן ווינקל?"

אַלע זיינען געשטאַנען ווי געפּלעפטע, ביז אַן אַלטע פרוי, וואָס איז מיט וואַקלענדיגע טריט אַרויסגעקומען פון צווישען עולם, האָט צוגעטראָגען די האַנט צו איהר־רע ברעמען, און כאַפּענדיג אַ קוק פון אונטער דער האַנט, האָט זי אויסגערופען: „אודאי, דאָס איז דאָך ריפּ וואַן ווינקל! ער אַליין. ברוך הבא, אַלטער שכן! וואו ביזטו אויסען געווען די גאַנצע צוואַנציג יאָהר?"

ריפּ'ס געשיכטע האָט ניט געדויערט לאַנג צו דער־צעהלען, ווייל די צוואַנציג יאָהר זיינען ביי איהם געווען

ווי איין נאַכט. די שכנים האָבען אויסגעגלאָצט די אויגען, ווען זיי האָבען דאָס דערהערט. אַנדערע האָבען זיך איבערגעוואונקען און פאַרביסען דעם צונג צווישען די צייהן. און דער פאַרריסענער מאַן מיט'ן דריי־קאַנטיגען הוט, וועלכער האָט צוריק פאַרנומען זיין פּאָזיציע, ווען די געפאַהר איז אַריבער, האָט פאַרקרימט די ווינקלען פון מויל און גענומען שאָקלען מיט'ן קאָפּ. באַלד האָט דער גאַנצער עולם אָנגעהויבען שאָקלען מיט די קעפּ.

עס איז אָבער באַשלאָסען געוואָרען אויסצוהערען די מיינונג פון דעם אַלטען פּעטער וואַנדערדאַנק, ווענען מ'האָט געזעהן צוקומענדיג פּאַמעליך פון דערווייטענס. ער האָט אָפּגעשטאַמט פון דעם היסטאָריקער מיט'ן זעלבען נאָמען, וועלכער האָט אָנגעשריבען איינע פון די ערשטע באַשרייבונגען פון דער געגענט. פּעטער איז געווען דער סאַמע עלטסטער איינוואוינער פון דאָרף און האָט געוואוסט פון אַלע אויסטערלישע געשיכטעס און טראַדיציעס פון דער געגענט. ער האָט דערקענט ריפּ'ן גלייך אויפ'ן שטעל און האָט באַשטעטיגט זיין געשיכטע אויפ'ן סאַמע צופרידענשטעלענדיגען אופן. ער האָט פאַרזיכערט דעם עולם, אַז עס איז אַן אמת'ער פאַקט, וואָס זיין עלטער־זיידע, דער היסטאָריקער, האָט איבערגעגעבען, אַז אין די קעטסקיל בערג האָבען זיך שטענדיג אויפגעהאַלטען אַזעלכע מאָדנע פאַרשוינען; אַז עס איז באַשטעטיגט געוואָרען, אַז דער גרויסער הענדריק האָדסאָן, דער, וואָס האָט צום ערשטען אַנטדעקט דעם טייך און די געגענט, האָט אַפּנים געהאַלטען וואַך יעדע צוואַנציג יאָהר, צוזאַמען מיט זיינע מאַטראָסען פון דער שיף „העף מון". מ'האָט איהם אַפּנים ערלויבט ווידער צו באַזוכען די ערטער, וואָס ער האָט אַנטדעקט, כדי צו כאַפּען אַן אויג אויפ'ן טייך און אויף דער גרויסער שטאָדט, וואָס טראָגט זיין נאָמען. אַז איינמאָל האָט זיי זיין פאָטער אַליין געזעהן שפּילען אין קעגלען אין אַ קליינעם טאָל צווישען די בערג, אָנגעטאָן אין זייערע אַלטע האָלענדישע מלבושים. און אַז ער אַליין האָט איינמאָל, זומער בייטאָג, אַליין געהערט דעם קלאַנג פון די קעגלען, ווי דאָס קייקלען זיך פון אַ ווייטען דונער.

הקיצור, דער עולם האָט זיך גענומען פאַנאַנדערגעהן, און אַכטונג געבען אויף וויכטיגערע געשעפטען, אויף די וואהלען. ריפ׳ס טאָכטער האָט איהר פאָטער גענומען צו זיך אהיים. זי האָט געהאט אַ מחיה׳דיגע, פיין־איינ־געאָרדענטע הויז, און אַ געזונטען פרעהליכען פארמער פאר אַ זוהן. אין איהם האָט ריפ דערקאָנט איינעם פון די אמאָליגע קונדסים, וואָס פלעגען איהם קריכען אויף די אַקסלען. וואָס איז שייך צו ריפ׳ס זוהן, וועלכער איז געווען אַ לעבעדיג בילד פון זיין טאַטען, און וועלכער איז געשטאַנען אָנגעשפּארט אָן בוים, האָט מען איהם געגעבען ארבייט אויף דער פארם. אָבער ער האָט געהאט אַן אָפּגע׳ירש׳ענטע טבע צו באַזאָרגען אַלעמענס געשעפ־טען, אָבער ניט זיינע אייגענע.

איצטער האָט ריפ זיך ווידער אומגעקערט צו זיינע אַלטע געוואוינהייטען. אינגיכען האָבען זיך אָפּגעזוכט פיל פון זיינע אַלטע באַקאַנטע, הגם אַלע זיינען זיי היפשלאַך פאַרענדערט געוואָרען אין פארלויף פון דער צייט. און ער האָט שטארק ליב געהאט צו שליסען באַ־קאַנטשאַפטען צווישען דעם גאַר יונגען דור, צווישען וועמען ער איז גאָר גיך געוואָרען זעהר פּאָפּולער.

ניט האָבענדיג גאָרניט וואָס צו טאָן אין דער היים, און זייענדיג אין יענעם גליקליכען עלטער, ווען אַ מענש קען זיך פארגינען גאָרניט צו טאָן און ניט באַ־שטראָפט צו ווערען דערפאַר, האָט ער ווידער אַמאָל פאר־נומען זיין אָרט אויף דער באַנק ביי דער טיר פון שיינ־קעל, וואו מ׳האָט איהם אָפּגעגעבען כבוד ווי איינעם פון די פּאַטריאַרכען פון דאָרף און ווי אַ דערצעהלער פון גע־שיכטען פון די אַלטע צייטען, פון פאַר דער מלחמה״. עס האָט געדויערט אַ שטיקעל צייט ביז ריפ האָט געקאָנט אָנהויבען מיטהאַלטען דעם רעגולערען גאַנג פון די גע־שפּרעכען, אָדער ביז מ׳האָט איהם געקאָנט איינדויבען אין קאָפּ אריין די מאָדנע געשעהענישען, וואָס זיינען פאָרגעקומען בשעת ער איז געלעגען אין הינער־פלעט. ווי ס׳איז צוגעגאַנגען מיט דער „רעוואָלושאָנערי וואָר״ (רעוואָלוציאָנס־מלחמה), ווי דאָס לאַנד האָט אראָפּ־געוואָרפען פון זיך דעם יאָך פון דער אַלטער ענגלאַנד,

ווי אַנשטאָט צו זיין אַן אונטערטאַן פון זיין מאַיעסטעט דזשאָרדזש דעם דריטען איז ער איצטער אַ פרייער ביר־גער פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען. צווישען זיך גע־רעדט, איז ריפּ געווען אַ קנאַפּער פּאָליטיקער. די ענ־דערונגען אין די מלוכות און אימפּעריעס האָבען געמאַכט אַ קנאַפּען איינדרוק אויף איהם. אָבער עס איז געווען איין סאָרט דעספּאָטיע, אונטער וועלכער ער האָט אַ לאַנגע צייט געשמאַכט, דאָס איז געווען — ווייבערשע דעספּאָטיע. צום גליק איז דערצו געקומען אַ סוף. ער איז באַפרייט געווען פון די ווייבערשע פּענטעס, און האָט געקאָנט געהן וואו ער האָט געוואָלט, ניט מורא האָבענ־דיג פאַר דער טיראַניי פון מאַדאַם וואַןווינקל. פונ־דעסטוועגען, ווען נאָר איהר נאָמען פלעגט דערמאָנט ווע־רען, פלעגט ער אַ שאָקעל טאָן מיט'ן קאָפּ, איינקנייטשען די אַקסלען און אַרויפגלאָצען די אויגען. דאָס האָט מען געקאָנט טייטשען אויף צוויי שטייגערס: ענטוועדער דאָס האָט געהייסען, אַז ער גיט זיך איבער אין די הענט פון שיקזאַל, אָדער ער פרעהט זיך מיט זיין באַפרייאונג.

ריפּ פלעגט דערצעהלען די געשיכטע זיינע יעדען איינציגען גאַסט, וואָס פלעגט קומען צו פאַהרען אין מיס־טער דוליטל'ס האָטעל. מ'האָט געקאָנט באַמערקען ווי געוויסע ערטער פון דער געשיכטע זיינען אַרויסגעקומען גאַנץ אַנדערש יעדעס מאָל, ווען ער האָט די געשיכטע דערצעהלט. דאָס איז אָהן ספק געווען צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך ערשט ניט לאַנג צוריק אויפגעכאַפּט. ענד־ליך האָט די געשיכטע אָנגענומען די פאָרם, אין וועלכער איך האָב זי אייך דערצעהלט, און ס'איז אין דער גאַנצער געגענט ניט געווען קיין איין מאַן, אָדער פרוי, אָדער קינד, וואָס זאָלען ניט וויסען די געשיכטע אויף אויסענווענדיג. אַנדערע האָבען געמאַכט אַן אָנשטעל און געצווייפעלט אין דער געשיכטע און רק געזאָגט, אַז ריפּ איז געווען פאַרריקט, און אַז אַביסעל פאַרריקט איז ער שטענדיג געבליבען. אָבער די אַלטע האָלענדישע איינוואוינער האָבען כמעט אַלע אין דער געשיכטע פולשטענדיג גע־גלויבט. און עד היום אַפילו הערען זיי קיינמאָל ניט קיין דונער אַרום די קעטסקיל בערג אין אַ זומערדיגען

טאָג, נאָר זיי זאָגען, אז הענדריק האָדסאָן און זיינע מאַט־
ראָסען שפּילען אין קעגלען. און אַלע מענער פון דער
געגענט, וואָס געפינען זיך ביי זייערע ווייבער אונטער׳ן
פאַרטוך, ווען דאָס לעבען ווערט זיי פינסטער און ביי־
טער, האָבען זיי איין אַלגעמיינעם וואונש — עס זאָל זיי
אָפּגליקען צו כאַפּען א בארוהיגענדיגען זופּ פון ריפּ וואַן
ווינקל׳ס קופּעל.

די לעגענדע פון פארשלאָפענעם טאָל.

אין איינער פון יענע ברייטע בוכטעס, וואָס שניי־דען זיך אריין אין דעם מזרח'דיגען ברעג פון דעם האָדסאָן; אין דעם אָרט וואו דער טייך גיסט זיך ברייט פאנאנדער און וואָס די אַלטע האָלענדישע ים־רייזענדע האָבען אָנגערופען טאפפאַן זעע; דאָרט וואו זיי פלעגען שטענדיג אָנהויבען פאָהרען לאנגזאמער און בעטען שוץ ביים הייליגען ניקאָלאס ווען זיי פלעגען דעם אָרט פארבייפאָהרען, — אָט דאָרט ליגט אַ קליינע מארק־שטאָדט, אָדער פראָווינציעלער פּאָרט, וואָס רופט זיך אָן גרינסבורג און וואָס איז מעהר און ריכטיגער באקאנט אונטער'ן נאָמען טעררי־טאַון (באלעמוט־שטאָדט). ווי מ'גיט איבער, האָט די שטאָדט אמאָל באקומען דעם נאָמען פון די גוטע באלעבאָסטעס פון דער געגענד צוליב דעם, וואָס זייערע מענער האָבען געהאַט אַן איינגעגעסענע געוואוינהייט אָפּצובאַלעמוטשען ארום דעם שיינקעל פון שטעדטעל אין די מארק־טעג. ווי די זאַך זאָל ניט זיין, גאראַנטירען פאַר דעם קען איך ניט. איך דערצעהל עס בלויז לשם פּינקטליכקייט און ראַיעלקייט. ניט ווייט פון דעם שטעדטעל, אַן ערך צוויי מייל, געפינט זיך אַ קליינער טאָל צווישען הויכע בערג, וואָס איז איינס פון די שטילסטע ערטער אין דער גאנצער וועלט. אַ שטיל וואַסערעל גליטשט זיך דאָרט דורך, מיט אַ געמורמעל וואָס איז פונקט גוט אימיצען צו פארוויגען. דער פייף פון אַ וואַכט־פויגעל, פון צייט צו צייט, אָדער דאָס קלאַפען פון דעם פעכט־פויגעל (דיאַטעל) איז געווען כמעט דער איינציגער קלאַנג, וואָס פלעגט אמאָל איבער־רייסען די אַבסאָלוטע שטילקייט.

איך גערענק, ווען איך בין געוועזן אַ יונג בחור'ל,

האָב איך געהאַט מיין ערשטע ערפאהרונג אין שיסען ביעלקעס צווישען אַ גרופּע נוס־בוימער, וואָס האָבען געוואָרפען זייער שאָטען אויף איין זייט פון טאָל. איך האָב איינמאָל אריינגעוואַנדערט אין טאָל אריין נאָך האַלבען טאָג, ווען די נאַטור איז באַזונדערס שטיל, און איך בין אויפגעציטערט געוואָרען פון דעם קלאַנג פון מיין אייגענער ביקס, ווען זי האָט אויסגעשאָסען און געבראָכען די הייליגע שטילקייט און איז לאַנג אָפּגע־ענטפערט געוואָרען מיט בייזע ווידערקולען. אויב איך זאָל ווען עס איז האָבען אַ פאַרלאַנג ערגעץ־וואו צו אַנטלויפען, אָפּצו'גנב'ענען זיך פון דער וועלט מיט איהר געטומעל און שטיל אָפּטרוימען דעם רעשטעל וואָס בלייבט איבער פון אַ געמאַטערט לעבען, ווייס איך ניט פון קיין בעסערען אָרט ווי דער קליינער טאָל.

צוליב דער פארשלאָפענער רוהיגקייט פון דעם אָרט און צוליב דעם ספּעציעלען כאראקטער פון זיינע איינ־וואוינער, וועלכע האָבען אָפּגעשטאַמט פון די ערשטע האָלענדישע קאָלאָניסטען, איז דער דאָזיגער אָפּגעזונ־דערטער פלאַץ אָנגערופען געוואָרען „דער פאַרשלאָפענער טאָל“, און די דאָרטיגע דאָרפישע אינגלאַך זיינען אין דער גאַנצער געגענד אָנגערופען געוואָרען די אינגלאַך פון דעם פאַרשלאָפענעם טאָל. עס האָט אויסגעזעהן ווי די גאַנצע געגענד, און די אַטמאָספערע אפילו, וואָלטען געווען פארשלאָפען און פאַרטרוימט. איינינגע זאָגען אז די געגענד איז פאר'כישופ'ט געוואָרען פון אַ גרויסען דייטשען דאָקטאָר, אין די ערשטע צייטען פון די קאָלאָ־ניסטען; אנדערע זאָגען, אַז אַן אַלטער אינדיאַנישער הויפּטמאַן, אָדער כישוף־מאַכער, פלעגט דאָ אָפּהאַלטען זיינע פאַרזאַמלונגען איידער די געגענד איז ענטדעקט געוואָרען פון דעם הער הענדריק האָדסאָן. זיכער איז אָבער, אז דער אָרט געפינט זיך נאָך אַלץ אונטער'ן איינפלוס פון אַ צויבער־קראַפט, וואָס האָט איהר ווירקונג איבער די מוחות פון אַלע גוטע לייט און האַלט זיי אונ־טער אַ שטענדיגען כישוף. זיי זיינען איך גרייט צו גלויבען אין אַלערליי טשיקאַווע געשיכטעס, קענען אריינ־פאַלען אין הינערפלעט, אין חלומות, און אָפט זעהען זיי

מאָדנע זאַכען און הערען אייך מוזיק און שטימען אין דער לופטען. די גאַנצע געגענד איז פול מיט מאָדנע געשיכטעס, מיט נעסטען פון שדים און פאַרנאַכטיגע אבערגלויבענישען; שטערען פאַלען אראָפּ און מעטעאָרען גלאַנצען־דורך אין דעם טאָל אַ סך אָפטער ווי אין וועל־כען ס'איז אַנדער אָרט אין לאַנד, און דער אשמדאי מיט אַלע זיינע לצים האָבען אַפּנים שטאַרק ליב צו מאַכען זייערע קונצען אין דעם דאָזיגען טאָל.

אָבער דער וויכטיגסטער גייסט וואָס באהערשט די גאַנצע פאַר'כישופ'טע געגענד און זעהט אויס צו זיין דער הויפּט־קאָמאַנדיר איבער אַלע קרעפטען אין דער לופטען, איז געוועזען אַ פיגור, וואָס האָט געריטען אויף אַ פערד און איז געוועזען אָהן אַ קאָפּ. איינינגע זאָגען, אַז דאָס איז דער גייסט פון אַ העסישען מיליטערמאַן, ביי וועמען אַ קויל פון אַ הארמאט האָט אָפּגעריסען דעם קאָפּ אין דער „רעוואָלושיאָנערי וואָר"*) און וועמען די איינוואוינער זעהען רק שטענדיג ווי ער פליהט פאַרביי דורך דער פינסטערניש פון דער נאַכט. דער רייטער האַלט זיך אויף ניט בלויז אין דעם טאָל. פון צייט צו צייט טראָגט ער זיך אויך פאַרביי איבער די וועגען, וואָס לויפען פאַרביי דעם טאָל, און באזונדערס אין דער געגענד פון אַ קלויסטער וואָס געפינט זיך ניט וויים. צווישען די סאַמע ראַיעלסטע היסטאָריקער פון יענער געגענד, וועלכע האָבען געננוי און פאָרזיכטיג גע־זאַמעלט און אויסגעפאָרשט אַלע פאַקטען וועגען דעם גייסט, געפינען זיך פערזאָנען, וואָס האַלטען, אַז דער קערפּער פון דעם סאָלדאַט, וואָס איז באגראָבען גע־וואָרען אויפ'ן הויף פון דעם קלויסטער, לאָזט זיך אַלע נאַכט ארויס צום אָרט וואו די שלאַכט איז פאָרגעקומען, צו זוכען זיין קאָפּ. זיי האַלטען, אַז ער פליהט פאַרביי דעם טאָל אזוי שנעל, ווי אַ בליץ, ווייל ער איילט זיך ער זאָל ניט פאַרשפּעטיגען אומצוקעהרען זיך צוריק צום קלויסטער־הויף איידער עס ווערט טאָג.

---

*) רעוואָלוציאָנערע מלחמה, צווישען די אַמעריקאַנער קאָלאָניסטען און ענגלאנד.

אָט דאָס איז דער אַלגעמיינער נסוח פון דער לע־
גענדאַרישער אַבערגלויבעניש, פון וואַנען עס נעהמען
זיך אַלערליי ווילדע געשיכטעס אין דער פאַרשלייערטער
געגענד. און דער גייסט איז באַריהמט ביי יעדען קאַמין
אין דער געגענד אַלס „דער קאָפּלאָזער רייטער פון דער
פאַרשלאָפענער הייל".

מערקווירדיג איז, אַז די נייגונג צו זעהן די זעהונ־
גען, וועגען וועלכער איך האָב דערמאָנט, איז ניט בלויז
אַן אייגענשאַפט פון די געבירטיגע איינוואוינער פון דעם
טאָל. אויך די וואָס האַלטען זיך דאָ אויף נאָר אַ קורצע
צייט באַקומען ניט־ווילענדיג די אייגענע נייגונג. ווי
געוואַלדיג ניכטער זיי זאָלען ניט זיין איידער זיי באַ־
זעצען זיך אין דער פאַרשלאָפענער געגענד, איז אָבער
זיכער, אַז אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי זיי וואוינען שוין
דאָ וועלען זיי אָנהויבען אַריינאָטעמען אין זיך מיט
דער לופט דעם פאַר'כישופ'דיגען איינפלוס, און וועלען
אָנהויבען פאַנטאַזירען, חלומ'ען חלומות און זעהן זע־
הונגען.

איך דערצעהל וועגען דעם דאָזיגען רוהיגען אָרט
די אַלע גוטע מעלות זיינע, ווייל די דאָזיגע קליינע פאַר־
וואָרפענע האָלענדישע דערפלאַך, וועלכע ליגען פאַר־
באָרגען אין דעם גרויסען שטאַאַט ניו יאָרק, זיינען די
איינציגע ערטער, וואו די באַפעלקערונג, די מאַניערען
און די מנהגים זיינען פאַרבליבען שטענדיג די אייגענע.
דער גרויסער שטראָם פון איבערוואַנדערונג און ענט־
וויקלונג, וואָס טראָגט אַריין אַזעלכע ענדערונגען אין
די אַנדערע טיילען פון אונזער אומרוהיג לאַנד, געהט
פאַרביי די דאָזיגע ערטער אומבאַמערקט. זיי זיינען
ווי יענע קליינע שטילע וואַסערלאַך, וואָס פליסען זייט
ביי זייט מיט אַ קאָכיגען שטראָם. איהר קענט אויף זיי
זעהן ווי דאָס שטרויעלע אָדער דאָס פענכערעל גליטשט
זיך אַזוי רוהיג, אָדער קירעוועט זיך פאַמעלאַך אריין
אין די פּיטשינקע האַפענס אַריין, און ווערט ניט גע־
שטערט פון דעם גערויש, וואָס דער שטאַרקער, שנעלער
שטראָם מאַכט דאַנעבען. הגם עס זיינען שוין אַריבער
פיל יאָהרען זינט איך האָב פאַרבראַכט אין די שאָטענס

פון די בוימער פון דעם „פאַרשלאָפענעם טאָל“, פונ־דעסטוועגען ווייס איך ניט צי איך וואָלט ניט געפונען די זעלבע בוימער און די זעלבע פאַמיליעס האָדעווענדיג זיך אין זיין רוהיגען שוים.

אין דעם דאָזיגען שטילען אָרט האָט אין יענע אוראַלטע צייטען פון דער אַמעריקאַנער געשיכטע, דאָס הייסט מיט אַן ערך דרייסיג יאָהר צוריק, געוואוינט אַ חשוב׳ער נפש מיט׳ן נאָמען איקאַבאָד קרעין, וועלכער האָט זיך אויפגעהאַלטען, אָדער — ווי ער רופט עס אָן — „באַלעמוטשעט“ אין דעם „פאַרשלאָפענעם טאָל“, מיט׳ן צוועק צו דערציהען די קינדער פון דער אומגעגענד. געשטאַמט האָט ער פון קאָנעטיקוט, אַ שטאַאַט וואָס שטעלט־צו די פאַראייניגטע שטאַאַטען פיאָנערען פאַר׳ן געדאַנק און פיאָנערען פאַר וואַלד, און שיקט יעדעס יאָהר ארויס איהרע לעגיאָנען פון וואַלדמענשען און סקול־מייסטערס. דעם נאָמען קרעין *) האָט מען כמעט געקענט צופאַסען צו זיין פיגור. ער איז געוועזען הויך, מורא׳דיג מאָגער, מיט שמאָלע פּלייצעס, לאַנגע הענט און פיס. די הענט האָבען ארויסגעסטאַרטשעט פון זיי־נע אַרבעל אויף אַ מייל די לענג. די פיס האָבען אויס־געצייכענט געקענט דינען פאַר לאָפּעטעס. דער גאַנ־צער מעכאַניזם זיינער איז געוועזען עפּעס לויז צוזאַמענ־געשרויפט. זיין קאָפּ איז געוועזען קליין, און פלאַך פון אויבען, מיט משונה׳דיג ריזיגע אויערען, מיט גרויסע גרינע אויגען, אַ לאַנגען שפּיציגען נאָז, — אזוי אַז זי האָט אויסגעזעהן ווי אַ בלעכענער האָן, וואָס מ׳האָט איהם ארויפגעזעצט אויפ׳ן דינעם האַלז, כדי מ׳זאָל וויסען וואו דער ווינט בלאָזט. ווען מען זאָל זעהן דעם נפש געהענדיג איבער אַ באַרג, בשעת עס בלאָזט אַ שטאַרקער ווינט, מיט די קליידער זיינע אָנגעבלאָזען ווי אָנגעפּילטע, פלאַטערענדיג ארום איהם, וואָלט מען איהם געקענט אָננעהמען פאַר׳ן גייסט פון הונגער וואָס נידערט

*) „קרעין“ איז אויף ענגליש אַ בוטשאַן (זשוראַוול), אַ פויגעל מיט אַ לאַנגען האַלז און הויכע פיס. — דער איבערזעצער.

אראָפּ אויף דער ערד, אָדער פּאַר אַ „טשוטשעלאָ“, וואָס איז אנטלאָפען פון פעלד.

זיין סקול איז געווען אַ נידעריגע געביידע פון איין גרויסען צימער, וואָס איז שלעכט געווען צונויפגעשטשאָבעט פון גרויסע קלעצער. די פענסטער האָבען טיילווייז געהאַט שויבען און טיילווייז זיינען זיי געווען פאַרקלעפּט מיט בויגעלאך פּאַפּיר, וואָס מ'האָט ארויסגעריסען פון העפטען. ווען קיינער האָט זיך אין סקול ניט געפונען, איז זי איף אַ געניאַלען אופן געווען געשיצט דורך אַ ווערבע, וואָס איז געווען אריינגעדרעהט אין הענטעל פון טיר, און דורך אַ פלאָקען, וואָס איז געווען אָנגעשפּאַרט אָן פענסטער; די קונץ איז געווען אַזאַ, אַז אַ גנב האָט געקענט אריינגעהן אינגוועניג גאַנץ לייכט, אָבער ארויסגעהן איז איהם שוין אָנגעקומען אביסעלע שווערלאך. דעם איינפאַל האָט געווים דער אַרכיטעקט, יאָסט וואַן הוטען, דערטאַפּט ביי די ווערבענע ביידלאך אין טייך, וואו די פיש קריכען אריין און קענען שוין ניט ארויסקריכען. די סקול איז געשטאַנען אין אַן איינזאַמען, אָבער אָנגענעהמען ווינקעל, — פונקט צופוסענס פון אַ בערגעל, וואָס איז געווען באוואקסען מיט וואַלד, מיט אַ טייכעל וואָס האָט געפלאָסען נאָהענט דערביי, און אַ ריזיגען בערעזענעם בוים, וואָס האָט זיך געפונען ביי איין זייט פון סקול. אין אַ פאַרשלאָפענעם זומער־טאָג האָט מען פון דאַנען געקענט הערען אַ שטילע זשוזשעריי פון די שטימען פון איקאַבאָד'ס שילער, וואָס האָבען איינגעשטודירט די לעקציעס; ס'איז געווען ווי דער געמורמעל פון אַ ביהנשטאָק. אָפּט פלעגט די זשוזשעריי איבערגעריסען ווערען דורך דער פעסטער שטימע פון לעהרער, וואָס האָט געקלונגען מיט דראָהונג אָדער געבאָט. אַמאָל פלעגט מען דערהערען ווי די ווערבעס לאָזען ארויס האַרצרייסענדיגע קלאַנגען; דאָס האָט פּאַסירט ווען ער פלעגט זיך אַ נעהם טאָן צו אימיצען פון די הולטאַיעס און קירעווען איהם אויפ'ן וועג פון תורה און חכמה. וואָס אמת איז אמת, איקאַבאָד קרעין איז געווען אַ מענש מיט גאָט אין האַרצען, און ער האָט שטענדיג אין זינען געהאַט דעם גאָלדענעם געבאָט:

דער וואָס זשאַלעוועט דעם קאַנטשיק פיהרט איבער דאָס קינד. איקאַבאָד קרעין'ס תלמידים זיינען אָהן ספק נ י ט געוועזן איבערגעפיהרט.

פונדעסטוועגען וויל איך דערמיט ניט זאָגען, אַז ער איז געוועזן איינער פון יענע אומדערבאַרימדיגע האַרען, וואָס האָבען הנאה ווען זייערע אונטערטאַנען טוט וועה. פונקט פאַרקעהרט, ער פלעגט איינטיילען גערעכטיגקייט ניט מיט יושר, אָבער דערפאַר מיט רחמנות. ער פלעגט אַראָפּנעהמען דעם יאָך פון די שוואַכע און אַרויפלעגען איהם אויף די, וואָס האָבען געהאַט ברייטע פּלייצעס. דער שוואַכינקער אינגעלע וואָס פלעגט אויפציטערען ביים קלענסטען טרייסעל פון קאַנטשיק, פלעגט באַהאַנדעלט ווערען מיט רחמים. דערפאַר אָבער פלעגט די גערעכטיגקייט צופרידענגעשטעלט ווערען דערמיט, וואָס ער פלעגט איינטיילען אַ טאָפּעלטע פּאָרציע דעם געזונטען האַלענדישען בחור'עז, מיט'ן גראָבען מוח און וואַטאָווע מלבושים, וואָס פלעגען זיך האַלטען אין איין בלאָזען און וואַרפען, איינשפּאַרען זיך און שרייען אונטער די שמייז. ביים סקול-מייסטער האָט עס געהייסען, אַז מיט דער טאָפּעלטער פּאָרציע איז ער שוין יוצא פאַר די עלטערען אויך. און עס פלעגט קיינמאָל ניט פּאַסירען, אַז ער זאָל באַשטראָפען אימיצען און ניט אַרויסקריגען פון איהם די מחיה'דיגע ווערטער, וואָס זיינען געוועזן אַ רפואה פאַר דעם געשמיסענעם, די ווערטער, אַז „ער וועט עס אייביג געדענקען און דאַנקען איהם ביז'ן לעצטען טאָג פון זיין לעבען".

ווען דאָס לערנען פלעגט זיך ענדיגען, פלעגט דער סקול-מייסטער אליין זיין אַ גאַנצער חבר מיט די גרעסערע אינגלאַך און אפילו זיך שפּילען מיט זיי. אין אַ יום-טוב'דיגען טאָג פלעגט ער אָפּפיהרען אַהיים עטליכע קליינע אינגלאַך, וואָס האָבען גראַדע געהאַט שעהנע שוועסטער, אָדער מאַמעס, וואָס זיינען געוועזן גוטע באַלעבאָסטעס און פאַרמאָגט גוטען כיבוד. ס'איז גאָר קיין פראַגע ניט, אַז ס'האָט זיך איהם געלוינט צו זיין גוט-ברודער מיט זיינע תלמידים. די שכר-לימוד, וואָס ער האָט באַקומען, איז געוועזן גאַנץ קליין און וואָלט

איהם קוים געסטאַיעט אויף ברויט מיט וואסער, —
ווייל אריינעסען האָט ער געקענט גאָר היפש, און הגם
ער איז געווען דאַר, האָט ער דאָך געקענט אריינלעגען
ווי אַ העלפאַנט. אָבער כדי ער זאָל קענען אויסקומען,
פלעגט ער זיך, לויט דעם מנהג אין יענער געגענד,
אויפהאַלטען ביי די באַלעבאַטים, וואָס פלעגען האַלטען
ביי איהם קינדער, עסען ביי זיי און שלאָפען ביי זיי,
ביי יעדען באַלעבאָס אַ וואָך צייט. אזוי פלעגט ער
ארומגעהן אַלע באַלעבאַטים, אַלע וואָך אין אַ ניי הויז,
און מיטטראָגען מיט זיך אין אַ פאַטשיילקע זיין גאנצע
באַלעבאַטישקייט.

כדי עס זאָל ניט זיין צו שווער פאַר די קעשענעס
פון די דאָרפישע באַלעבאַטים, וועלכע האַלטען, אַז שכר־
לימוד איז בכלל אַן איבעריגע זאַך און אַז די סקול־
מייסטערס זיינען פשוט'ע לעדיג־געהערס, האָט ער גע־
האַט פאַרשיידענע מיטלען ווי אזוי צו זיין אַ נוצליכער
מענש. ער פלעגט צוהעלפען די פאַרמערס אין די לייכ־
טערע מלאכות אויף זייערע פאַרמס; שאַרען היי, פאַר־
ריכטען דעם פאַרקאַן, פיהרען דעם פערד אָנטרינקען,
ברענגען צוטרייבען די בהמות פון דער פאַשע, אָנהאַקען
האָלץ אויפ'ן ווינטער. ער פלעגט אָוועקלעגען אָן אַ זייט
זיין שטאָלץ און זיין ווירקונגס־קראַפט, מיט וועלכער
ער האָט געהערשעוועט ביי זיך, אין זיין קלייז מלוכה'לע.
ער פלעגט ווערען מורא'דיג ווייך און צוגעלאָזען. ער
פלעגט געפינען חן אין די אויגען פון די באַלעבאָסטעס
דורכדעם, וואָס ער האָט זיך געשפּילט מיט די קינדער,
ספּעציעל מיט די קלענערע. און ווי דער שטאָלצער
לייב, וואָס האָט אמאָל־אמאָל זיך געשפּילט מיט'ן שעפּ־
סעלע, אזוי פלעגט ער קענען שעה'ען לאַנג אָפּזיצען
מיט אַ קינד אויפ'ן שויס — און דערביי מיט איין פוס
צואווינגען דאָס וויגעלע.

אַלס צוגאָב צו אַלע אַנדערע מלאָכות, איז ער גע־
ווען דער געזאַנג־מייסטער פון דער געגענד, און ניט
איין שילינג האָט ער אריינגעכאַפּט פאַר'ן לערנען דעם
יונגען דור ווי צו זינגען קאַפּיטלאך תהילים. און ניט
מיט קיין קליין ביסעל גאוה פלעגט ער אום זונטאָג זיך

אַוועקשטעלען אויבען־אָן אין קלויסטער, מיט אַ כּאָפּטע פון זיינע בעסטע זינגער. איהם פלעגט דעמאָלט אויס־קומען, אַז אַלע הערען זיך צו צו זיינע פּסוקים, און אַז דעם גלח האָט קיינער ניט אין דער לינקער פּיאַטע. איינס איז געווען זיכער, אַז זיין שטימע האָט אָפּגע־קלונגען העכער פון אַלע אַנדערע שטימען אין קלויס־טער. און נאָך עד היום, אין אַ שטילען זונטאָגדיגען פריהמאָרגען, קען מען הערען ווי פון קלויסטער טראָגען זיך אַזעלכע משונה'דיגע קלאַנגען און קלינגען אָפּ כמעט אַ האַלבען מייל ווייט, ממש ביז צום טייכעל ביי דער מיל, וואָס געפינט זיך אויף דער אַנדערער זייט פעלד. די משונה'דיגע קלאַנגען, האַלט מען, שטאַמען אָפּ פון דער נאָז פון איקאַבאָד קרעין.

אָט אַזוי, דורך אַזאַ רייכע צאָהל פּרנסות, און אויף אַזאַ גרויסאַרטיגען אופן (וואָס געוועהנליך הייסט עס: „רייסענדיג פון לעבעדיגע און פון טויטע"), האָט דער חשוב'ער פּעדאַגאָג זיך גאַנץ פיין דורכגעלעבט, און אַלע וואָס האָבען געהאַט אַ קנאַפּען באַגריף וואָס קאָפּ־אַרבייט באַדייט, האָבען געהאַלטען, אַז ער האָט פּשוט גע־לעבט אַ טאָג.

ווי געוועהנליך אין אַ דאָרפישער געגענט, איז דער סקול־מייסטער אַ פּערזאָן, וואָס שפּילט אַ היבשע ראָליע צווישען פרויען. ערשטענס איז ער אַ מאַנספּערשוין וואָס האָט צייט זיך אָפּצוגעבען. צווייטענס — אַ פּערזאָן וואָס האָט אַ סך אַ פיינערען געשמאַק, ווי די גראָבע דאָרפישע קאַוואַליערען, און איז בכלל מעהר אנטוויקעלט פאַר זיי, — ווארום וואָס איז שייך בילדונג איז בלויז דאָ איינער, וואָס שטיינט איהם אַריבער: דאָס איז דער גלח. און דעריבער, ווען איקאַבאָד פלעגט אַריינפאַלען צו אַ פּאַרמער אויף טיי, פלעגט ער ביים טיש ארויסרופען אַ שטיקעל גערודער, און דערמיט אויך אַן עקסטראַ מין סאָרט קוכען, אָדער קאַלטע פלייש. אַמאָל פלעגט זיך אויפ'ן טיש באַ־ווייזען דער יום־טוב'דיגער זילבערנער טשייניק. עס איז דערום קיין וואונדער ניט, וואָס אונזער געלערנטע פּער־זענליכקייט איז געווען ספּעציעל אויפגעלייגט, ווען ער האָט זיך געפונען אין דער געזעלשאַפט פון די שמייכלענ־

דיגע דאָרפס־מיידלאַך. אָ, ווי ער פלעגט עס שפּילען א ראָליע צווישען זיי, לאָמיר זאָגען, זונטאָג אין דער פריה, אויפ'ן קלויסטער־הויף, צווישען איין תפילה און דער אנ־דערער. ער האָט גערייסען פאר זיי ווייבערטרויבען. ער האָט פאַרגעלייענט פאר זיי אַלע אויפשריפטען אויף די מצבות. אַמאָל פלעגט ער זיך אַרומשלעפּען מיט א גאַנצע טשאַטע מיידלאַך אויף די ברעגען פון דעם דערבייאיגען מיל־טייכעל, און בשעת מעשה פלעגען זיך די שעמעוודיגע דאָרפישע לעקישעס נאָכשלעפּען פון הינטען און מקנא זיין דעם לעהרער, זיין עלעגאַנץ און זיין האַלטען זיך.

צוליב דעם וואָס איקאַבאָד איז געווען א שטיק וואנ־דערער, איז ער געווען א מין אַרומרייזענדיגע צייטונג, און האָט געטראָגען מיט זיך דעם גאַנצען פאַרמעגען דאָרפישע רכילות פון הויז צו הויז. און דערפאַר טאַקע האָט ער ארויסגערופען א צופרידענהייט אומעטום, וואו ער האָט זיך נאָר באַוויזען. חוץ דעם האָבען די פרויען געהאַלטען, אַז ער איז א מאַן מיט א סך וויסען, ווייל ער האָט עטליכע ביכער כמעט ווי אויסגעלייענט פון טאָוועל ביז טאָוועל, און איז געווען אַן אמת'ער בקי אין קאַטטאָן מאַטהער'ס „געשיכטע פון כישוף'מאַכעריי אין ניו ענגלאַנד". אגב אורחה, אין כישוף־מאַכעריי האָט ער פעסט און שטאַרק געגלויבט.

איקאַבאָד איז געווען א מאָדנער געמיש פון כיטרע־קייט און נאַאיווער לייכטגלויביגקייט. זיין אַפּעטיט צו וואונדערליכע מעשיות און זיין קראַפט זיי צו פאַרדרייהען איז געווען אויסערגעוועהנליך גרויס. און אָט די ביידע אייגענשאַפטען זיינען פאַרשטאַרקט געוואָרען דורכדעם, וואָס ער האָט פאַרבראַכט דאָ, אין דער פאַר'כישוף'טער געגענט. עס איז ניט געווען קיין איין לעגענדע, אָדער געשיכטע, וואָס זאָל זיין צו גרויס פאר זיין מורא'דיגען אַפּעטיט. זיין בעסטער פאַרגעניגען איז אָפט געווען — אוועקצולייגען זיך נאָכמיטאָג, ווען די סקול־קינדער ווערען אָפּגעלאָזט אהיים, אויפ'ן ווייכען גראָז ביים טייכעל, וואָס איז פאַרביינגעלאָפען די סקול, און איינ'חזר'ן זיך מאַ־טהער'ס שרעקליכע געשיכטעס, — ביז דער אָוונט האָט זיך ביסלעכווייז אָנגערוקט, און די אויגען האָבען אויפ־

געהערט פּאַנאַנדערקלייבען זיך אין די שוואַרצע פינ־טעלאַך. און דעמאָלט, אין יענער צויבערליכער שעה, ווען ער פלעגט זיך אַזוי דורכקלייבען דורך בלאָטעס און דורך טייכלאַך און דורך וויסטען וואַלד — צום פּאַרמעד, ביי וועמען ער האָט זיך די וואָך אויפגעהאַלטען, פלעגט זיך ביי יעדען שאָרך זיין פאַנטאַזיע מורא'דיג פאַנאַנ־דערשפּילען. אַלץ איינס צי דאָס איז געווען אַ פישטשע פון אַ פייגעלע אויפ'ן באַרג, אַ קוואַקע פון אַ בוים־זשאַבע — די אָנזאָגערין אויף אַ שטורם, אָדער דער טרויעריגער קול פון דער סאָווע, אָדער עס האָבען זיך פלוצלונג גענומען באַוועגען אין די צווייגען די איבער־געשראָקענע פייגלען. אויך די פייער־פייגעלאַך, וואָס האָבען באַזונדערס שטאַרק געפינקעלט אין די פינ־סטערע פלעצער, פלעגען איהם אַלע ווייַלע איבער־שרעקען, פּונקט ווי עפּעס אַן אויסערגעוועהנליכער פלאַם־פייער וואָלט זיך איהם געטראָגען אנטקעגען אין וועג. און אויב עס האָט אמאָל פאַסירט אַז אַ געזונטער זשוק, וואָס האָט זיך אַרומגעפלאָנטערט אָהן אַ טאָלק, האָט זיך איהם פאַרבייגעטראָגען אַנטקעגען, איז דער אָרימער פלאַ־טערקאָפּ גרייט געווען אָנצונעמען עס פאַר אַ שליח פון אַ מכשפה. דאָס איינציגע מיטעל, וואָס ער האָט געהאַט ביי אַזוינע געלעגענהייטען, ענטוועדער צו פאַרטרייבען זיינע אייגענע מחשבות, אָדער מיט'ן צוועק אָפּצושרעקען דעם בייזען גייסט, איז געווען — אָנהויבען זינגען קאַ־פּיטלאַך תהילים. און די ליבע איינוואוינער פון דעם „פאַרשלאָפענעם טאָל“, וואָס פלעגען זיצען אויסגעזעצט אין אָוונט אויף די לאַנגע בענק ביי די ווענט פון זייערע הייזער, פלעגט אָפט אָנכאַפּען אַ ציטער, ווען זיי פלעגען דערהערען ווי פון דערווייטענס, פון די טונקעלע בערג, אָדער פון שאָסיי, טראָגט זיך איקאַבאָד'ס נאָז־שטימע און זינגט אויס פּסוקים תהילים.

איקאַבאָד האָט געהאַט נאָך איין שרעקליכען פאַרגע־ניגען: פאַרברענגען אַ לאַנגען ווינטער־אָוונט מיט די אַלטע ווייבער נעבען אויווען. זיי פלעגען זיצען און־שפּינען, און אויף דער פּליטע פלעגען זיך בראָטען עפּעל, און ער פלעגט זיך איינהערען זייערע וואונדערליכע

מעשיות וועגען שדים און לצים, און פאַר׳כישופ׳טע ברי־
קען, און פאַר׳כישופטע הייזער, און ספּעציעל וועגען דעם
קאַפּלאַזען רייטער, אָדער ווי זיי פלעגן איהם אמאָל אָנ־
רופען: דער גאַלאָפּירענדיגער העסיאַנער פון דעם טאָל.
איקאַבאָד, פון זיין זייט, פלעגט זיי אויך פאַרשאַפען פאַר־
גענינגען מיט זיינע געשיכטעס וועגען כישופ׳מאַכעריי און
וועגען די שרעקליכע פאַראויסזאָגענדיגע צייכענס און
קלאַנגען, וואָס מ׳פלעגט אמאָליגע יאָרען זעהען און הערען
אין קאָנעטיקוט. ער פלעגט זיי מורא׳דיג אָנשרעקען מיט
קאָמעטען און פאַלענדיגע שטערען, און מיט׳ן שרעקליכען
פאַקט, אַז די ערד דרעהט זיך אַרום און אַרום, און אַז אַ
העלפט פון זייער לעבען געפינען זיי זיך מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ!

אָבער אויב דער צייט־פאַרטרייב איז געווען אַ פאַר־
גענינגען זיצענדיג אין הויז, איינגעקאַרטשעט אין ווינקעל
נעבען אויווען, און וואַרימענדיג זיך ביים קנאַקענדיגען
פייער, — וואו קיין שום רוח האָט, פאַרשטעהט זיך,
ניט געוואָגט אַ נאָז אַריינצושטעקען, האָט אָבער דערנאָך
איקאַבאָד קרעין טייער באַצאָלט מיט דער שרעק וואָס ער
האָט געהאַט אָפּצוקומען געהענדיג אהיים. וואָס פאַר אַ
מורא׳דיגע שאָטענס און פיגורען עס האָבען זיך איהם
באַוויזען אויפ׳ן וועג, אין דער טונקעלקייט פון דער נאַכט,
און אין דעם טויט־בלאַסען גלאַנץ פון דעם שניי! מיט
וואָס פאַר אַ זשעדנעם קוק זיינע אויגען פלעגען אויפזוכען
יעדען ציטערדיגען שטראַהל וואָס פלעגט פון ערגעץ אַ
זוייטען פענסטער זיך אויסציהען איבער׳ן וויסטען פעלד.
ווי אָפט פלעגט ער אויפצאַפּלען, ווען אויפ׳ן וועג פלעגט
זיך באַווייזען אַ בוימעל באַדעקט מיט שניי — פונקט ווי
עפּעס אַ שד׳ל וואָלט געשטאַנען איבערגעדעקט מיט אַ
ווייסען לייլאַך און פאַרשטעלט איהם דעם וועג! ווי
אָפט פלעגט איהם אויסשלאָגען אַ קאַלטער שוויים, ווען
ער פלעגט דערהערען דעם קלאַנג פון זיינע אייגענע טריט
איבער׳ן קנאַקעדיגען פראָסטיגען שניי, און מורא האָבען
אַ קוק צו טאָן הינטער זיך, טאָמער חלילה דערזעהט ער
עפּעס אַ לץ, וואָס געהט איהם נאָך פון הינטען! און ווי
אָפט פלעגט איהם אַרויספאַלען די נשמה, ווען עס פלעגט
פּלוצלונג אַ יאָג טאָן אַ ווינט, און הינט פלעגען אָנהויבען

האַווקען, — מיינענדיג אַז דאָס יאָגט זיך ארויס דער קאָפּלאָזער העסיאַנער אויף זיין ביינאַכטיגען מאַרשרוט!

אָבער די אַלע מוראָ׳דיגע זאַכען זיינען בלויז געווען ביינאַכטיגע האַלוצינאַציעס, פאָרשטעלונגען פון אַ פאַנ־טאַזיע, וואָס וואַנדערט אַרום אין דער פינסטערניש. ניט קוקענדיג דערויף, וואָס איקאַבאָד האָט שוין אויף זיין לעבען געזעהן גענוג רוחות, און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער האָט אויף זיינע איינזאַמע וואַנדערונגען שוין ניט איינמאָל געזעהן דעם טייוועל און פאַרשידענערליי פיגורען, פונדעסטוועגען, אַזוי שנעל ווי עס פלעגט אָנ־הויבען צו טאָגען פלעגט אַלץ פאַרשווינדען. און איקאַ־באָד קרעין וואָלט, אויף צו להכעיס דעם טייוועל און אַלע זיינע שטיק, אָפּגעלעבט די יאָהרען זיינע גליקליך און צופרידען, ווען ניט — ווען ער וואָלט ניט אָנגעטראָפען אַזוינס וואָס פאַרשאַפט אַ בשר ודם מער צרות ווי שדים און רוחות און לצים און די גאַנצע ראַסע פון מכשפים און מכשפות צוזאַמענגענומען. דאָס איז געווען — אַ פרוי.

צווישען די שילערינס, וואָס פלעגען זיך איין אָוונט אין וואָך צונויפקומען און לערנען זיך ביי איקאַבאָד׳ן זינגען קאַפּיטלאַך תהילים, איז געווען קאַטרינאַ וואַן טאַס־סעל, ד׳ טאָכטער און דאָס איין־איינציגע קינד פון אַ פאַרמעגליכען האָלענדישען פאַרמער. זי איז געווען אַ בליהענדע מויד פון אַ יאָהר אַכצעהן. דיק ווי אַ קאַטשקע, פריש און צייטיג, מיט רויזע בעקעלאַך — ווי איהר פאָ־טער׳ס פערסיקעס (פּיטשעס). זי איז געווען באַריהמט אומעטום, ניט נאָר צוליב איהר שעהנקייט, נאָר צוליב איהרע אויסערגעוועהנליכע מידות. זי איז געווען אַ שטי־קעל קאָקעטקע. דאָס האָט מען גלייך געקענט באַמערקען פון איהר קליידונג, וואָס איז געווען אַ געמישאַכץ פון אוראַלטע און נייסטע מאָדעס, פונקט צוגעפּאַסט צו איהר שעהנקייט. זי האָט געטראָגען צירונג פון עכטען געלען גאָלד, וואָס איהר עלטער־עלטער־באָבע האָט אַריבערגע־בראַכט אַהער פון סאַארדאַם; אַ ממזר׳יש אונטער־יאַקעל פון אַמאָליגע צייטען און, אַלס צוגאָב, אַ קורץ רייצענדיג אונטערקליידעל, וואָס האָט באַוויזען דער וועלט דאָס שענסטע פיסעל אין דער גאַנצער געגענט.

וואָס איז שייך צו פרויען האָט איקאַבאָד קרעין גע־
האַט אַ פּוקעס הארץ, און אַ נאַריש דערצו. טאָ וואָס איז
שוין דער וואונדער וואָס אַזאַ פיינע סחורה האָט גאָר גיך
געפונען חן אין זיינע אויגען — ספּעציעל נאָכדעם ווי ער
האָט געמאַכט אַ וויזיט צו איהר טאַטען אין הויז אריין?
דער אַלטער באַלטוס וואַן טאַססעל איז געווען אַ מוסטער
פון אַ פאַרמעגליכען, צופרידענעם, גוט־האַרציגען פאַרמער.
ס'איז אמת, אַז ער האָט קיינמאָל ניט ארויסגעשטעקט די
נאָז פון זיין פאַרם, און אַז די שכנים זיינע זיינען איהם
ניט געלעגען אין דער לינקער פּיאַטע. זיכער איז אָבער,
אַז אין פאַרם גופא האָבען זיך אַלע געפיהלט באַקוועם,
גליקליך, און פיין איינגעאָרדענט. ער איז צופרידען גע־
ווען מיט זיין עשירות, אָבער ער האָט זיך דערמיט ניט
איבערגענומען. זיין הויז האָט זיך געפונען אויפ'ן ברעג
פון טייך האָדסאָן, אין איינס פון יענע גרינע, באַשיצטע
און פעטע ווינקעלאַך, אין וועלכע די האָלענדישע פאַר־
מערס האָבען ליב צו מאַכען זייער נעסט. אַ גרויסער בוים
האָט אויסגעשפּרייט זיינע לאַנגע צווייגען איבער'ן הויז.
אונטער'ן בוים האָט זיך געפונען אַ קרעניצע מיט די
ווייכסטע און פרישסטע וואַסער. די קרעניצע האָט זיך
פאַרענדיגט פון אויבען מיט אַ פיין־אַריינגעפּאַסט פעסעל,
און פון דאַנען האָט זיך דאָס וואַסער'ל שטיל און פינ־
קעלדיג אַוועקגעגליטשט צו אַ קליין טייכעל, וואָס האָט
געפּלאָסען צווישען די קליינע בוימלאַך און וואַסער־גע־
וויקסען. ניט ווייט פון הויז האָט זיך געפונען אַ גרויסער
שייער, וואָס האָט געקענט אָנגענומען ווערען פאַר אַ קלויס־
טער. פון יעדען פענסטער און פון יעדער שפּאַרינע פון
שייער האָט ארויסגעשפּאַרט דאָס פאַרמעגען פון דער
פאַרם. די דרעש־מאַשינען האָבען געקלונגען אינעוועניג
פון אין דער פריה ביז ביינאַכט. ארום די געזימסען האָ־
בען אַרומגעצוויטשערט שוואַלבען און אַנדערע פייגעלאַך.
שורות טייבעלאַך זיינען געשטאַנען אויפ'ן דאַך, טייל פון
זיי מיט איין אויגעל פאַרקנייטשט, ווי זיי וואָלטען באַ־
טראַכט דעם וועטער; אַנדערע האָבען געהאַלטען די קעפּ־
לאַך צווישען די פליגעל, אָדער אין די פעדעמלאַך אויפ'ן
ברוסט; גאָר אַנדערע האָבען זיך געבלאָזען און געוואָר־

קעט און געקוקט אויף זייערע דאַמען. אַלע האָבען זיי הפנים הנאה געהאַט פון דער זון. גלאַטע, שוואַר־לייביגע חזירים האָבען מיט אַזאַ רוהיגקייט געמרוקעט אין זייערע חזיר־שטעלכלאַך מיט די פולע קאָריטעס. פון דאָרט פלעגט זיך אַלע מאָל געבען אַ יאָג אַרוים אַ כאַפּטע קליינע חזירים׳לאַך, פונקט ווי זיי וואָלטען געוואָלט שפּירען די לופט פון דרויסען. אַ חשוב׳ער סקאַדראָן שניי־ווייסע געגנז האָט זיך אַרומגעגליטשט אין אַ וואַסער׳ל ניט ווייט. זיי האָבען אויסגעזעהן ווי אַ וואַך אַרום די מחנות קאַטש־קעס. גאַנצע רעגימענטען אינדיקעס האָבען געהאָלדערט איבער׳ן הויף פון דער פאַרם און קוואָקעס זיינען אַרומ־געגאַנגען און געקוואָקעט ווי פאַרקרימטע ווייבער. פאַר דער טיר פון שייער האָט אַרומגעשפּאַצירט דער גאַלאַנ־טער האָן, דער מוסטערהאַפטער מאַן, אַ העלדישער קעמ־פער און אַ פיינער דזשענטעלמען. ער האָט אָפּגעפּאַטשט מיט זיינע גלאַנציגע פליגעל און זיך אויסגעקרעהט מיט שטאָלץ און מיט אַ גרינג האַרץ. צייטענווייז פלעגט ער פאַנאַנדערשאַרען די ערד מיט זיינע פיס און מיט אַ ברייטקייט אָנהויבען רופען זיין געזינדעל ווייבער מיט קינדער, וואָס זיינען שטענדיג רק געווען הונגעריג, און זיי געלאָזט געניסען פון דעם פיצעל שפּייז, וואָס ער האָט אַנטדעקט.

דעם סקולמייסטער איז אַזש אָנגעקומען וואַסער אין מויל אַריין, ווען ער האָט באַטראַכט די פּרעכטיגע מעג־ל כקייטען פון אַ זאַטען און צופרידענעם ווינטער. מיט זיינע פרעסערשע אויגען האָט ער זיך פאָרגעשטעלט ווי די חזירים לויפען אַרום אָפּגעבראָטענע, מיט אָנגעפילטע בייכער און אַן עפּעל אין מויל; די טייבעלאַך האָט מען געמאַכט אַ באַקוועמען געלעגער אין אַ פיינעם קוכען און אַרומגערעקט זיי מיט אַ פאַרברוינטע אויסגעבאַקענע קאָלדרע; די געגנז האָבען אַרומגעשווימען אין זייער איי־גענע שמאַלץ; די קאַטשקעס האָבען זיך געהאַלטען זאַל־ו ענאַנד אויף די ברייטע טעלער, ווי גליקליכע פאָרלאַך, מיט אַ פיינע פּאָרציע ציבעלע־יויך אַרום זיי. קוקענדיג אויף די חזירים האָט ער אויך געזעהן פאַר זיך די גלאַטע פלאַכטעס בעיקאָן (סאַלאָ) און די זאַפטיגע, מחיה׳דיגע

העם (וועטשינאַ); ניט איין אינדיק האָט זיך איהם פאַר־ געשטעלט פיין צוגעפּראַוועט, פאַרדרעהט מיט [illegible] אונטער די פליגעל, און אַמאָל אפשר נאָך מיט אַ שנירעל געשמאַקע וואורשטלאַך אויפ'ן האַלז; און אפילו דער וויסער האָן בכבודו ובעצמו איז זיך געלעגען אויף אַ טעלער, אָן אַ זייט, מיט די פיסלאַך ארויף, פּונקט ווי ער וואָלט געבעטען מ'זאָל איהם לאָזען אָנהאַלטען דעם פלאַץ, וועלכען אפילו זיין מוטיגער כאַראַקטער האָט איהם ניט ערלויבט צו פאַרלאַנגען ביים לעבען.

און ווי דער אנציקטער איקאַבאָד איז אזוי געשטאַ־ נען און אַלצדינג באַטראַכט, און געגלאָצט מיט זיינע גרינע אויגען איבער די פעטע לאָנקעס, איבער די רייכע פעלדער פון קאָרן און ווייץ, און אויף די שווער־באַלאַ־ דענע פרוכט־בוימער, וואָס האָבען אַרומגערינגעלט וואָן טאַססעל'ס וואַרים געצעלט, האָט זיך איהם מורא'דיג פאַרביינקט נאָך דער מיידעל, וואָס וועט דאָס אַלץ אָפּ־ ירש'ענען. אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער זיך שוין פאַר־ געשטעלט, ווי אַלצדינג איז פאַרקויפט פאַר גוט געלד, און דעם קאַפּיטאַל לייגען זיי אריין אין ריזיגע שטיקער לאַנד און אין פּאַלאַצען וואָס זיינען באַדעקט מיט שינד־ לען און וואָס געפינען זיך אין דער ווילדערניש. ניין! זיין ענערגישע פאַנטאַזיע האָט זיך שוין פאָרגעשטעלט ווי זיין קאַטרינאַ, מיט אַ גאַנצע מחנה קינדער זיינע, זיצען אויבען, אויף אַ פוהר, וואָס איז אָנגעוואָרפען מיט אַלערליי שטובינגע זאַכען, און ביי די זייטען פון פוהר הענגען אַראָפּ קעסלען און טעפּ, און ער, איקאַבאָד, שפּרייזט זיך אַזוי פּאַמעליך נעבען דער קליאַטשע מיט'ן לאָשעק, און היידאַ קיין קענטאָקי, טענעסי, אָדער גאָט ווייסט וואוהין.

ווען איקאַבאָד איז אַריינגעקומען אין הויז אריין, איז זיין הארץ שוין אינגאַנצען באַזיגט געוואָרען. דאָס איז געווען איינע פון יענע ברייטע פאַרם־הייזער, מיט די דעכער וואָס הייבען זיך אויף שאַרף אין דער הויך און לאָזען זיך אַראָפּ נידעריג איבער די ווענט. דאָס איז געווען די פאָרם פון די הייזער פון די ערשטע האָלענ־ דישע קאָלאָניסטען. דער ברעג פון דאַך, וואָס האָט זיך

נידעריג אראפּגעלאָזען איבער די ווענט, האָט געקענט דינען פאַר א שוץ אין אַ שלעכטען וועטער. הינטער די ברעגעס האָבען געהאָנגען דרעש־אייזענס, כאָמוטען, פאַרשיידענע נוצליכע קליינינקייטען, און נעצען צו כאַפּען פיש אין טייך. ביי די זייטען פון די ווענט האָבען זיך געפונען בענק, צום באַנוצען זיך מיט זיי זומער־צייט. אין איין עק האָט זיך געפונען אַ גרויס שפּינדעל און ביים אַנדערען עק איז געשטאַנען אַ כלי צו קלאַפּען פּוטער. דערפון האָט מען געקענט פאַרשטעהן, וואָס פאַר א פאַר־שיידענאַרטיגען געברויך עס ווערט געמאַכט פון דער וועראַנדע פאַר'ן הויז. פון דער וועראַנדע איז איקאַבאָד אריין אין אַ גרויסע קאַמער, וואָס איז געוועזען דער צענ־טער פון דעם פּאַלאַץ און דער אָרט וואו די שטוביגע האָבען זיך געוועהנליך אויפגעהאַלטען. דאָ האָט איהם א בליאסק געטאָן פאַר די אויגען עטליכע רייהען שיינענ־דיגע צינענע כלים, וואָס זיינען געווען אויסגעשטעלט אויף אַ לאַנגער קאָמאָדע. אין איין ווינקעל איז געשטאַ־נען אַ גרויסער זאַק מיט וואָל, גרייט צום שפּינען. אין אַן אַנדער ווינקעל האָבען זיך געפונען שטיקער גראָ־בע לייווענט, נאָר־וואָס פון שפּינדעל אַראָפּ. קרענץ אינדיאַנישע קאָרן און געטריקענטע עפּעל און פּערסי־קעס (פּיטשעס) זיינען געהאַנגען איבער די ווענט. די פאַרשיידענערליי העלע קאָלירען פון די קרענץ האָבען זיך דורכגעמישט מיט דעם שרייענדיגען קאָליר פון רויטען פעפער. א טיר, וואָס איז געווען ברייט אָפען, האָט איקאַבאָד'ן געגעבען א געלעגנהייט א כאַפּ צו טאָן א קוק אין דעם גלענצענדען זאַל, וואו עס איז געשטאַנען אַ שטול מיט פּיסלאַך, ווי קלאָהען, און אַ טיש פון רויטען האָלץ, און האָבען געבלאַנקט ווי די שפּיגלען. הילצערנע אָראַנזשען און אַנדערע נאָכגעמאַכטע פרוכטען האָבען באַפּוצט דעם געזימס איבער'ן קאַמין. פון באַלקען האָבען געהאָנגען שנורען פּוסטע אייער פון פאַרשיידענע פייג־לען; אין מיטען צימער איז אראָפּגעהאָנגען אַ גרויסע איי פון אַ שטרויס־פויגעל. אַ שענקעל מיט כלים, מיט'ן טירעל אומישנע אָפען, האָט באַוויזען אַז די פאַמיליע

פאַרמאָגט אַן אוצר מיט אַלטע זילבער און גוט צוגע־לאַטעטע פאַרצעליי.

פון דער ערשטער רגע אָן, ווי נאָר איקאַבאָד האָט אַ וואָרף געטאָן זיינע בליקען אויף דעם דאָזיגען גן עדן, איז ער שוין געווען אויסער זיך. זיין איינציגער געדאנק איז איצטער געווען: ווי אזוי געפינט מען חן אין די אויגען פון וואַן טאססעל׳ס טאָכטער, וואָס האָט ניט קיין גלייכען צו זיך אין דער גאַנצער געגענט. דאָ איז איקאַבאָד געווען אין אַ פיל גרעסערער פאַרלעגענהייט, ווי די ריטערליכע העלדען פון אַמאָליגע יאָרען. אַלץ וואָס אַן אַמאָליגער ריטער האָט באַדאַרפט טאָן, איז געווען — באַזיגען אַ וועלכען ס׳איז ריז, אָדער אַ כישוף־מאַכער, אָדער אַ גיפטיגע שלאַנג, און דעסגלייכען נישטיגע געג־נער. דערנאָך האָט ער זיך בלויז געדאַרפט דורכמאַכען דורך די אייזערנע גראַטעס און עטליכע דיקע ווענט פון ... שלאָס, וואו די אויסדערוועהלטע פון זיין הארצען האָט׳ זיך געפונען. דאָס אַלץ איז געווען אזוי גרינג, ווי צום ביישפיל, דערקלייבען זיך צום צענטער פון אַ יום־טוב׳דיגען קניש. און דעמאָלט פלעגט איהם די אויסדערוועהלטע געבען איהר האַנט, ווי אַ זעלבסטפאַר־שטענדליכע זאַך. אָבער איקאַבאָד קרעין האָט געהאַט אַן אויפגאַבע צו געווינען דאָס האַרץ פון אַ דאָרפּישע קאָקעטקע, וואָס איז געווען אַרומגעוועבט מיט אַ לאַבי־רינט פון משוגעת׳ן און קאַפּריזען, וועלכע האָבען כסדר געשאַפען אַלץ נייע און נייע שווערינקייטען און שטרויכ־לונגען. און חוץ דעם האָט ער געהאַט צו באַגעגענען זיך מיט אַ מחנה שרעקליכע קאָנקורענטען, יונגען מיט ביי־נער, וועלכע האָבען באַלאַגערט אַלע טירען, וואָס פיהרען צו איהר האַרצען. די אַלע חברה־לייט האָבען מיט בייזע אויגען געקוקט איינער אויפ׳ן אַנדערען, אָבער זיי זיינען אַלע גרייט געווען צוזאַמען אַרויפצופאַלען אויף יעדען נייעם קאָנקורענט.

דער שרעקליכסטער פון די דאָזיגע קאָנקורענטען איז געווען איינער אַ יונג מיט ביינער, מיט אַן אָקסענער שטימע, און אַ גרויסער באַרימער דערצו. געהייסען האָט ער אייברעהעם, אָדער, ווי די האָלענדער פאַרציהען דעם

נאָמען — בראָם וואַן ברונט. ער איז געווען דער העלד פון דער גאַנצער געגענט ארום. אומעטום האָט געקלונגען מיט די קונצען וואָס ער פלעגט מאַכען, צו באווייזען זיין גרויסע גבורה. ער איז געווען א בחור מיט פּלייצעס, מיט טאָפּעלטע ביין־שלעסער, מיט קורצע שוואַרצע גע־קרייזעלטע האָר, מיט אַן אַנגעבלאָזענעם, אָבער ניט קיין מיאוס'ען פּנים, אויף וועלכען ס'איז געווען אויסגעגאָסען אַ מין אויסדרוק, וואָס האָט געהאַט אַ געמיש פון ממזר'יי און גראָבקייט. צוליב דעם, וואָס ער האָט געהאַט אַ קערפּער פון אַ גבור און געשיקטע לאַנגע פיס, האָט ער געהאַט אַ צונאָמען „בראָם מיט די ביינער". און אונטער דעם נאָמען האָט איהם טאַקע יעדערער געקענט. ער איז געווען באריהמט אַלס געניטער פערד־רייטער. ער איז געווען געשיקט, ווי אַ טאַטער, רייטענדיג אויפ'ן פערד. אויף אַלע פערד־געיעגען און געשלעגען איז ער געווען דער ערשטער. און ווי דער שטייגער איז מיט אַזאַ דאָר־פישען גבור, איז ער געווען דער ריכטער אין יעדען גע־שלעג. ער פלעגט אַ רוק טאָן דאָס היטעלע אויף אַ זייט, און אַרויסזאָגען זיין אורטייל מיט אַ טאָן, וואָס האָט גע־געבען אָנצוהערעניש, אַז קיינער זאָל זיך ניט דערוועגען צו פּרובירען אַפּעלירען, אָדער מאַכען אַ קרומע מינע. ער איז שטענדיג גרייט געווען ענטוועדער אויף אַ קלאַפּ, אָדער אַ שטיף צו טאָן. קיין פאַרדאָרבענער יונג איז ער פונדעסטוועגען ניט געווען. ער איז בלויז געווען ווילד. און ניט קוקענדיג אויף זיין גאַנצער גראָבקייט האָט ער דאָך טיף אין זיך פאַרמאָגט אַ גוטמוטיגקייט פון אַ וואוילען יונג. ער האָט געהאַט מיט זיך אַ דריי־פיר חברה־לייט, וועלכע האָבען איהם געהאַלטען פאַר זייער רבי'ן; און מיט דער קאָמאַנדע פלעגט ער מאַכען זיינע מאַרשרוטען איבער דער געגענט, באַזוכען אַלערליי גע־שלעגען אָדער שפּילען — אויף מיילען אַרום. ווען דרויסען איז קאַלט געווען, פלעגט ער זיך אָנזעהן מיט זיין פוטערנער היטעל, וועלכע איז אויפ'ן סאַמע שפּיץ געווען באַפּוצט מיט אַן עק פון אַ פוקס. און ווען די פאַרמערס פלעגען זיך אַמאָל פאַרזאַמלען, און זיי פלעגען פון דער־ווייטענס דערזעהן די היטעל, ווי זי טרייסעלט זיך צווי־

שען אָן עסקאַדראָן רייטער, האָבען זיי שוין געוואוסט, אַז באַלד וועט זיין לעבעדיג. אַמאָל פלעגט מען אין מיטען נאַכט דערהערען ווי זיין חברה טראָגט זיך דורך מיט אַ גאַלאָפּ, ווי אַ כאָפּטע דאָנער קאָזאַקען. און די אַלטע ווייבער, וואָס פלעגען געשטערט ווערען פון שלאָף, פלעגען זיך צוהערען אַ ווילע, ביז דער טאַראַראַם פלעגט זיך איינשטילען, און פלעגען אַרויסזאָגען: „בראָם מיט די ביינער פליהט שוין מיט זיין חברה!“ די פּויערים פלעגען קוקען אויף איהם מיט געמישטע געפיהלען; זיי האָבען זיך אי געשראָקען פאַר איהם, אי איהם ליב געהאַט, און גוטמוטיג איהם געדולדעט. און ווען נאָר מען פלעגט עמיצען אָפּטאָן עפּעס אַ שפּיצעל, אָדער אין דאָרף פלעגט ווערען אַ געשלעג, האָט מען שוין געוואוסט, אַז ס'איז געווען זיין קאָפּ דערביי.

אָט דער לאָבוסעוואַטער העלד האָט שוין אַ היבש שטיקעל צייט פריהער אויסדערוועהלט די בליהענדע קאַטרינאַ פאַר זיינע משונה'דיגע צערטליכקייטען. און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די צערטליכקייטען זיינע האָבען געהאַט אַ פּנים ווי די צערטליכקייטען פון אַ בער, פונדעסטוועגען האָט מען געמורמעלט, אַז זי פלעגט איהם ניט אינגאַנצען אָפּשלאָגען דעם מוט. איינס איז זיכער, אַז זיין אַטאַקע איז געווען אַ סיגנאַל פאַר די אַנדערע קאָנקורענטען אָפּצוטרעטען. וועמען האָט זיך געגלוסט פאַרשטעלען דעם וועג אַ פּאַרליבטען לייב? און אין אַ זונטאָג אָוועגט, ווען מ'פלעגט דערזעהן זיין פערד צוגע־בונדען צו וואַן טאַססעל'ס פּאַרקאַן, האָט מען שוין גע־וואוסט, אַז דעם פערד'ס באַלעבאָס איז אינעווייניג צו־גאַסט. דעמאָלט פלעגען אַלע פרעטענדענטען פאַרביי־געהן דעם אָרט מיט פאַרצווייפלונג און איבערטראָגען זייער טעטיגקייט אין אַנדערע הייזער.

אָט מיט אַזאַ שרעקליכען קאָנקורענט האָט זיך אונ־זער איקאַבאָד קרעין געהאַט צו באַגעגענען. אַ געניטע־רער פאַר איהם וואָלט אָפּגעטראָטען פון דעם עסק; אַ קלוגערער פון איהם וואָלט אַריין אין פאַרצווייפלונג. אָבער ער, איקאַבאַד, האָט פאַרמאָגט אין זיין כאַראַקטער אַ געוויסע מאָס בויגעוודיגקייט און ענטשלאָסענקייט. ער

איז געווען גערעטעט אַן אַ שטעקען וואָס בויגט זיך: ער האָט נאָכגעגעבען, אָבער איז נישט געבראָכען געוואָרען. ער האָט זיך געבויגען אונטער'ן קלענסטען דרוק, אָבער ווי נאָר דער דרוק איז פאַרשוואונדען — באַץ! ער איז דאָ, ווידער אויסגעגלייכט און פעסט, און דעם קאָפּ פאַרריסען ווי שטענדיג.

איקאַבאָד וואָלט געדאַרפט זיין משוגע צו פאַרפיה־רען מיט זיין קאָנקורענט אַן אָפענע מלחמה. איקאַבאָד איז ניט געווען פון די, וואָס פאַרלירען זיך בשעת זיי זיינען פאַרליבט. ער האָט אָנגעהויבען זיין אָנגריף שטי־לינקערהייט, דורך אַ הינטער־זועגעלע. ער האָט זיך באַ־נוצט מיט זיין ראָלע אַלס געזאַנג־מייסטער, און אונטער דעם אויסרייד פלעגט ער אָפט באַזוכען וואַן טאַססעל'ס פאַרם. ניט, חלילה, וואָס ער האָט עפּעס מורא געהאַט פאַר די עלטערען, וועלכע זענען אָפט, ווי דער שטייגער איז, אַ שטערונג פאַר די פאַרליבטע. באַלט וואַן טאַססעל האָט ליב געהאַט זיין טאָכטער מעהר ווי זיין ליולקע אפילו, און ווי אַ מענש מיט שכל און אַ גוטער פאָטער דערצו, האָט ער זי געלאָזט טאָן וואָס זי האָט געוואָלט. זיין וואַוילע ווייב האָט געהאַט גענוג קאָפּ־דרעהעניש מיט איהר באַלעבאַטישקייט און מיט פאַשען די עופות. זי פלעגט זאָגען, אַז קאַטשקעס און גענז זיינען גרויסע נאַראָנים און מען באַדאַרף אויף זיי אַכטונג געבען, אָבער מיידלאַך קענען זייער שטעטעל אַליין באַשטעהן. און אַט אַזוי, ווען די פאַרשמאַיעטע באַלעבאָסטע האָט זיך אַרומ־געפּאָרעט אַרום הויז, אָדער האָט געשפּינט ביי איין עק פון דער ווערענדע, פלעגט זיך דער כשר'ער באַלט זיצען אין אַ צווייטען עק און רויכערען זיין ליולקע און שטאַרק פאַרטיפט זיך צוקוקען צו די מאַניעווורעס פון דעם קליי־נעם הילצערנעם סאָלדאַטעל, וועלכער האָט געהאַלטען צוויי שווערדען, אין ביידע הענט, און מוטיג געקעמפט מיט'ן ווינט — דאָרט אויפ'ן שפּיץ פון פייער. און דער־ווייל פלעגט זיך איקאַבאָד זיצען מיט דער טאָכטער ביים קוועלכעל אונטער'ן לינדען־בוים, אָדער פלעגט אַרומ־בלאָנדזשען אין דעם טונקעלען פאַרנאַכט, אַט אין יענער

געבענשטער שעה ווען ביי פאַרליבטע ווערען פריי די צינגער.

איך בין זיך מודה, אַז איך הויב ניט אָן צו וויסען ווי מען צערטעלט און מען געווינט פרויען־הערצער. פאַר מיר זיינען די זאַכען שטענדיג געוועזן אַ רעטעניש. פון דער אַנדערער זייט, פלעג איך דערפון הנאָה האָבען. געוויסע פרויען פאַרמאָגען בלויז איין אָרט, וואו מ'מוז זיך צילעווען, אָדער איין טירעלע אין האַרצען, וואָס מ'קען דורכדרינגען. און אַנדערע פרויען פאַרמאָגען אַ גאַנצען ים סטעזשקאַלאַך, און מ'קען די הערצער זייערע פאַנגען אויף טויזענטערלויי פאַרשיידענע אופנים. צו געווינען אַ פרוי פון ערשטען סאָרט איז אַ גרויסער זיג און אַ באַווייז פון אויסגעצייכענטער געשיקטקייט. אָבער מ'דאַרף זיין נאָך אַ גרעסערער גענעראַל צו געווינען אַ פרוי פון צווייטען סאָרט. ווייל, איהר פאַרשטעהט, דער מאַנס־פּערשוין מוז פיהרען די מלחמה ביי יעדער טיר און ביי יעדען פענסטער פון דער פעסטונג. דער וואָס געווינט טויזענט פּשוט'ע הערצער פאַרדינט אפשר באַרימט צו ווערען. אָבער דער וואָס האַלט געפאַנגען דאָס האַרץ פון אַ קאָקעטקע איז אָהן ספק אַ העלד. איינס איז זיכער, אַז „בראָם מיט די ביינער" האָט דערביי ניט געהאַלטען; און פון דעם ערשטען אויגענבליק, ווען איקאַבאָד קרעין האָט געמאַכט זיין אַטאַקע, האָבען יענעמס אינטערעסען אָנגעהויבען געהן באַרג־אַראָפּ; זונטאָג אָוועגט פלעגט מען שוין זיין פערד מעהר ניט זעהן שטעהן צוגעבונדען צום פּאַרקאַן; און צווישען איהם און דעם סקולמייסטער פון דעם פאַרשלאָפענעם טאָל האָט זיך ביסלעכווייז צעפלאַקערט אַ ביטערע שנאָה.

בראָם, וועלכער האָט פאַרמאָגט אין זיך אַ שטיקעל געפיהל פון ריטערליכקייט, וואָלט מיט פאַרגעניגען דערפיהרט דעם ענין צו אַן עפענטליכען צוזאַמענשטויס, און וואָלט געלעזט די פראַגע ווער עמען די דאַמע זאָל געהערען מיט דעם גוואַלטיג קורצען און איינפאַכען אַרגומענט, וואָס די אַמאָליגע ריטער האָבען באַנוצט — מיט אַ קלאַפּ איינס אויף איינס. אָבער איקאַבאָד האָט צו גוט געוואוסט וואָס פאַר אַ בייזע גבורה זיין שונא פאַרמאָגט,

און ער האָט זיך ניט געאײַלט מסכים צו זיין אויף אַזאַ
פּלאַן. ער האָט שוין געהאַט די געלעגענהייט צו הערען,
ווי „בראָם מיט די ביינער" האָט זיך באַריהמט, אז „ער
וועט אײַנלעגען דעם סקולמייסטער אין צווייען און אַרויפ־
שטופּען איהם אויף אַ פּאָליצע טאָקי אין זיין אייגענער
סקול". און איקאַבאָד איז געווען גענוג פאָרזיכטיג ניט
צו געבען איהם די געלעגענהייט. אָבער אין איקאַ־
באָד'ס סיסטעם פון פרידען איז געווען עפּעס אזוינס,
וואָס האָט געוואַלטיג אויפגערייצט; און בראָם האָט
ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי ארויסצושלעפּען דעם
גאַנצען זאַפּאַס דאָרפּישע שטיק, וואָס ער האָט פאַר־
מאָגט, און אָפּטאָן זיין קאָנקורענט אזוי פיל גראָביאנסקע
שפּיצלאַך, וויפיל ס'איז נאָר מעגלאַך געווען. איקאַבאָד
איז געוואָרען דער קרבן פון דער קונציגער אינקוויזיציע,
וואָס בראָם און זיין כאַפּטע לאָבוסעס האָבען ציגע־
טראַכט. זיי האָבען געשטערט די רוהה פון זיין מלוכה,
אַנגעפּילט די סקוהל מיט רויך, דורכדעם, וואָס זיי פלע־
גען פארשטאָפּען דעם קוימען פון דרויסען; אָדער זיי
פלעגען זיך ביינאַכט אריינרייסען אינוועניג, ניט קו־
קענדיג אויף די ווערבעס מיט די פלאָקענס, וואָס האָבען
געהאַלטען טיר און פענסטער פארשפּארט, און פלעגען
איבערקעהרען אַלצדינג מיט'ן קאָפּ אַראָפּ און מיט די
פיס ארויף, אזוי, אַז אונזער אָרימען סקוהל־מייסטער
איז גאָר איינגעפּאַלען אַ חשד, אַז אַלע מכשפות פון דער
געגענד האָבען דאָ ביינאַכט אָפּגעהאלטען אַ מיטינג.
אָבער דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס בראָם האָט זיך
פאַרנומען אָפּצוטאָן זיין קאָנקורענט שפּיצלאַך אין דער
אַנוועזענהייט פון דער געליבטער. דערצו פלעגט איהם
אונטערהעלפען זיינער אַ זשוליקוואַטער הונט; בראָם
האָט איהם אויסגעלערענט אַוועקצושטעלען זיך וואָיען
אויפ'ן שרעקליכסטען אופן גראַדע דעמאָלט ווען איקאַ־
באָד גיט זיין געליבטע לעקציעס אין זינגען תהילים.

אָט אזוי איז אַוועק אַ שטיקעל צייט; שפּיצלאַך
זיינען אָפּגעטאָן געוואָרען צו־ביסלאכווייז, אָבער קיין
שאַרפע ענדערונג אין דער סיטואַציע, אין וועלכער די

פיינדליכע צדדים האָבען זיך געפונען, האָט עס ניט גע־בראכט.

איינמאָל אין אַ שעהנעם הארבסטיגען נאָכמיטאָג איז איקאַבאָד געזעסען אַן אומעטיגער אויף זיין הויכען טראָן, פון וועלכען ער האָט ווי געוועהנליך געוואָרפען אויגען אויף אַלע ווינקעלאך פון זיין קליינער מלמד'י־שער מלוכה. איין האַנט האָט ארומגעפּאָכעט מיט אַ ווירע, וואָס איז אין סקוהל דער סצעפּטער פון דער דעס־פּאָטישער מאַכט. די ווערבע, וואָס האָט איינגעטיילט גערעכטיגקייט, האָט גערוהט אויף דריי טשוועקלאך הינ־טער'ן טראָן און האָט כסדר געוואָרפען אַ שרעק אויף די ליידאַקעס. אויפ'ן טיש, פאַר איהם, האָבען זיך גע־פונען אַלערליי קאָנטראַבאַנד־אַרטיקלאך און פאַרבאָטענע געוועהר, וואָס ער האָט ביי די פּוסט־און־פּאַסניקעס דער־טאַפּט. צום ביישפּיל: האַלב־צייטיגע עפּעל, שטיינד־לאך־וואַרפערס, גראַגערס, פליגען־כאַפּערס, און אַ גאַנצע אַרמיי פון גרויסאַרטיגע פּאַפּירענע העהנער. ווי עס האָט אויסגעזעהן, האָט מען אַפּנים נאָר־וואָס אימיצען איינ־געטיילט אַ וואַזשנעם חלק גערעכטיגקייט, — וויל כמעט אַלע תלמידים זיינען עפּעס געווען צו־שטאַרק פאַרטיפט אין זייערע ביכלאך; אַנדערע האָבען פאַר־גנב'עטערהייט זיך דורכגעשושקעט הינטען־ארום און מיט איין אויגעל כסדר געקוקט אויפ'ן רבי'ן. אין סקוהל האָט געהערשט אַ מין זשומענדיגע שטילקייט. פּלוצלונג איז די שטילקייט איבערגעריסען געוואָרען. עס האָט זיך באַוויזען אַ נעגער, אָנגעטאָן אין אַ רעקעל און הויזען פון גראָבע לייווענט. אויפ'ן קאָפּ האָט ער געהאַט אַזאַ קיילעכדיק דעקעל, וואָס האָט אַפּנים אמאָל געהערט צו אַ היטעל. געריטען איז ער אויף אַ ווילדער, אָפּגעריבענער און האַלב־דערשלאָגענער שקאַפּע, וועלכע ער האָט געקירעוועט מיט אַ שטריק. מיט אַ גאַנצען גערודער איז ער צוגעריטען צו דער טיר פון סקוהל און האָט איבערגעבען איקאַבאָד'ן אַן איינלאַדונג צו קומען אויף אַ הוליאַנקע, אָדער „קאָלדרע־אָוועט" *), וואָס

---

*) אַמאָל איז אין אַמעריקאַנער דערפער געווען אַ

עט היינט פּאַרקומען ביי וואַן טאַסעל אין הויז. נאָכ־
עם, ווי דער נעגער האָט, מיט אַן ערנסטער מינע, באַ־
אַרגט זיין שליחות, און דערביי זיך אָנגעשטרענגט צו
אנוצען יענע איידעלע שפּראַך, וואָס אַ נעגער באַנוצט
פּט ביי אַזעלכע קליינליכע שליחות'ן, האָט ער זיך
ויסגעקירעוועט צוריק און איז מיט אַ גאַלאָפּ אַוועק
יבער'ן טייכעל אַריבער, און געפלויגען ווייטער, אי־
ער'ן טאָל, און זיך געאיילט מיט אַזאַ וואזשנעם אָנ־
טעל, ווי ער וואָלט דורכגעפיהרט די גרעסטע מיסיע.

פון דעם אויגענבליק אָן איז שוין אין סקוהל געווען
לעבעדיגע וועלט. די תלמידים האָבען געמאָלט זייע־
ע לעקציעס ווי אַ מיל; אויף קליינינקייטען האָט מען
ך שוין ניט אָפּגעשטעלט. און טאָמער איז עמיצער
געווען אַביסעל טעמפּ אויף דער עברי, האָט ער אומ־
אשטראָפּט געשלונגען גאַנצע שטיקער. די „גוטע קעפּ־
אַך" האָבען געהאַט זייער געלעגענהייט אונטערצוזאָגען
יערע חברים, ארויסראַטעווען זיי ביי אַ שווערען וואָרט,
די זיי זאָלען שנעלער פאָהרען. די ביכער האָט מען
וועקגעשליידערט וואו ס'האָט זיך געמאַכט און ניט
ריינגעלעגט אין שענקעל אריין; מ'האָט אויסגעגאָסען
ינטערס, בענק האָט מען איבערגעקעהרט, און די קינ־
ער זיינען זיך מיטאַמאָל אינגאַנצען צולאָפען אַ שעה
ריהער פאַר'ן אהיים געהן, פליהענדיג ווי אַ מחנה יונגע
דים, און געליאַרעמט און געקייקעלט זיך אויפ'ן גרי־
נם גראָז און ניט אויפגעהערט זיך פרעהען, וואָס זייער
אפרייאונג איז אַזוי פריה געקומען.

דער גאַלאַנטער איקאַבאָד האָט שוין איצטער פאַר־
־אַכט אַן איבעריגע האַלבע שעה ביים אויספּוצען זיך,
פּגעשטויבט און אָפּגערייניגט זיין בעסטען און, צווישען

הג צו מאַכען אַלערליי אָוועטען, פאַר קאָלדרעס, בעטציוג
ין אַנדערע שטוביגע זאַכען. אויף אַ „קאָלדרע־אָוועטנט" פלע־
ן זיך צוזאַמענקומען די פרויען פון דאָרף, מיט זייערע
צייג און מאַטעריאלען, און זיי פלעגען צוזאַמענשטעלען
אָלדרעס פון פאַרשיידענע קאָלירטע שטיקלאַך שטאָף. —
דער איבערזעצער.

זיך גערעדט, איינציגען אנצוג, וואָס איז אמאָל געווע שווארץ. מיט דער הילף פון אַ שטיקעל שפּיגעל־גלאָז וואָס איז געהאַנגען אין סקוהל, האָט ער געבראַכט אין אָרדנונג זיינע לאָקען. כדי ער זאָל אויסקוקען אין די אויגען פון זיין געליבטער ווי אַן אמת'ער קאַוואַליער, האָט איקאַבאָד געבאָרגט אַ פערד ביים פּאַרמער האַנס וואַן ריפּער — אַ יאַדעשליווער אַלטער האָלענדער, בי וועמען ער איז די וואָך איינגעשטאַנען. און אָט אזוי, זיצענדיג גראַציעז אויפ'ן פערד, האָט זיך אונזער איקאַ־באָד ווי אַ העלדישער ריטער אוועקגעלאָזט אויף זיי מיסיע. אָבער כדי געטריי צו זיין דעם ראָמאַנטישען כאַראַקטער פון מיין געשיכטע, פאָדערט זיך גענוי אי־בערצוגעבען, ווי אונזער העלד און זיין פערדעל האָבע אויסגעזעהן.

די באַשעפעניש, אויף וועלכער ער האָט געריטען איז געווען אַן אויסגעמאַטערטער פערד, וואָס פלעגע שלעפּען דעם אַקער; אַן אַלט פערד, וואָס האָט פאַר לאָרען אַלץ, וואָס ער האָט אין די יונגע יאָהרען פאַר מאָגט, נאָר ניט זיין פאַרדאָרבענעם כאַראַקטער. ער איז געווען דאַר און אויסגעקראָכען, מיט אַ שעפּסענע האַלז און אַ קאָפּ ווי אַ האמער. די גריווע און דע עק, וואָס זיינען געווען היפּש אָפּגעבליאַקעוועט, זיינ נאָך דערצו געווען פאַרדרעהט אין קאָלטענעס. אי אויג האָט פאַרלאָרען דאָס שוואַרצעל און האָט געהאַט מאָדנעם בלייבען קוק. אָבער דאָס אַנדערע אויג האָ פאַרמאָגט אַ פייערעל פון אַ ריכטיגען טייוועל. אין זיינע יונגע יאָהרען איז דער פערד מן הסתם געווען אַ פלאָם־פייער. דערויף זאָגט עדות זיין נאָמען — גאָנ פּאַודער (שיס־פּולווער). ביי זיין באַלעבאָס, דעם יאַ דעשליווען וואַן ריפּער, וועלכער איז געווען אַ מורא' דיגער רייטער, איז דער פערד געווען שטאַרק באַליבט און עס איז גאַנץ מעגליך, אַז ער, דער פערד, איז אַנ געשטעקט געוואָרען פון זיין באַלעבאָס כאַראַקטער ווייל ניט קוקענדיג דערויף, וואָס ער איז געווען אַל און צובראָכען, האָט ער פאַרמאָגט אין זיך פאַרביסענ

JEWISH PUBLIC LIBRARY
845916

שטיק מעהר ווי וועלכער עס איז יונג פערדעל אין דער גאַנצער געגענט.

און איקאַבאָד'ס פיגור איז פאַר דעם דאָזיגען פערד געווען ווי אָנגעמאָסטען. די רימענדלאַך וואָס האָבען אונטערגעהאַלטען זיינע פיס, זיינען געווען צו קורץ, און די קני זיינע האָבען דערגרייכט ביז'ן שפּיץ פון זאָטעל. זיינע עלענבויגענס האָט ער געהאַלטען אויסגעשטרעקט אויף הינטען, ווי די גרילען. די בייטש האָט ער גע־האַלטען גלייך, מיט'ן שפּיץ ארויף, ווי א סצעפּטער. און בשעת דער פערד האָט זיך אונטערגעהעצקעט, האָט איקאַבאָד באַוועגט זיינע הענט ווי ער וואָלט געפּאַטשט מיט אַ פּאָר פליגעל. זיין קליין וואָלען היטעלע האָט אָנגעשפּאַרט ביי איהם אויפ'ן נאָז, ווייל דער שטערען זיינער איז געווען אַ צו־שמאָלער. און די פּאָלעס פון זיין שוואַרצען קאַפּטען האָבען אָנגעשפּאַרט אַזש ביים פערד'ס עק.

אָט אַזוי האָט אויסגעזעהן אונזער איקאַבאָד מיט זיין פערדעל, ווען זיי האָבען זיך ארויסגעשאַרט פון האַנס וואַן ריפּער'ס הויף. דאָס איז געווען אַ בילד, וואָס ניט אַזוי אָפט קען מען זוכה זיין עס אָנצוקוקען.

ווי איך האָב שוין פריהער געזאָגט, איז דאָס גע־ווען אַ פיינער הארבסטיגער טאָג. דער הימעל איז גע־ווען קלאָר און העל. די גאַנצע געגענד איז געווען איינגעהילט אין יענעם רייכען און גאָלדענעם שלייער, וואָס מיר שטעלען זיך שטענדיג פאָר, ווען מיר טראַכ־טען פון אַן אָרט וואָס איז פול מיט שפע. די בוימער זיינען געווען באַדעקט מיט ברוין און געל. די צאַר־טערע בוימלאַך זיינען שוין געווען דורכגענומען פון קעלט, און זיי זיינען געווען באַדעקט מיט שיינענדיגע אָראַנזשענע, פּיאָלעטע און פּורפּור־רויטע קאָלירען. לאַנגע שורות ווילדע קאַטשקעס האָבען זיך אָנגעהויבען באַווייזען הויך אין דער לופטען. פון וועלדעל האָט מען געקענט הערען דאָס פּישטשען פון די ביעלקעס, און פון צייט צו צייט האָט זיך פון שניט־פעלד דערטראָגען דער אומעטיגער פייף פון וואַכט־פויגעל.

די קליינע פויגעלאַך האָבען שוין געפּראַוועט זייערע

לעצטע סעודות. עס איז געווען די העכסטע צייט פון זייער שמחה, און זיי זיינען ארומגעשפרונגען פון בוי־מעל צו בוימעל און פון בוים צו בוים, געצוויטשערט און געפרעהט זיך, ווי זיי וואָלטען געווען אויסער זיך פון דער רייכקייט ארום זיי. דאָ איז געווען דער רויט־העלזעלדיגער פויגעל מיט זיינע הויכע קלאָנגעדיגע טע־נער; און די שווארצע דראָסעל־פויגעלאך, וואָס האָבען געפלאַטערט הויך אין די וואָלקענס; און דער שפעכט (דיאַטעל) מיט די גאָלדענע פליגלען, מיט זיין מאָלי־נאָווען טשופיק, מיט זיין ברייט, שווארץ העלזעל און מיט זיינע גלאַנצענדיגע פעדערען. און דער זיידען־עקיגער פויגעל מיט די רויטע פלעקען אויף די שפיצען פליגעל און מיט'ן געלען פלעק אויפ'ן שפיץ עק, און מיט זיין קליין פעדערן היטעלע. דער בלויער טומעל־דיגער פויגעל, מיט זיין שרייענדיגען העל־בלויען קלייד און ווייסע אונטערקליידער, וואָס האלט רק אין איין קוויטשען און פלאַפלען, און שאָקלען זיך, און שפרינגען, און נייגען דאָס קעפעל, און מאַכען דעם אָנשטעל, אַז ער איז מיט יעדען זינג־פויגעל אַ גוט־ברודער.

אונזער איקאַבאָד האָט זיך פאַמעלעך געשלעפט פאָראויס, און זיינע אויגען, וואָס האָבען געהאַט אַ מערקווירדיגע פעהיגקייט צו באמערקען אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צום עסען, האָבען אָנגעקוואָלען פון נחת צוקוקענדיג זיך צו דער רייכער שפע פון דעם גאָל־דענעם הארבסט. פון אַלע זייטען האָט ער געזעהן גאַנ־צע ימ'ען מיט עפעל, טייל אַראָפהענגענדיג שווער פון די בוימער און טייל אויפגעזאַמעלט אין קוישען און פעסלאַך, אַוועקגעשיקט צו ווערען אויפ'ן מאַרק. אַנ־דערע זיינען געווען אויפגעזאַמעלט אין שורות בערגלאַך, גרייט צו פארשווינדען אין דעם פרעס, וואָס האָט פון זיי אויסגעקוועטשט עפעל־קוואַס. פון דער ווייטענס האָט ער געזעהן, ווי עס שפרייטען זיך אויס ברייטע פעלדער מיט אינדיאנישען קאָרן; די גאָלדענע זאַנגען האָבען ארויסגעקוקט דורך זייערע געבלעטערטע מלבושים און דערצעהלט וועגען טאָרטען און פודינגס. און די געלע דיניעס, וואָס זיינען געלעגען צופוסענס פון די

זאַנגען, מיט זייערע העלע קיילעכדיגע בייכלאַך צו דער זון, האָבען געגעבען גלענצענדיגע האָפנונגען אויף די געשמאַקסטע „פּאַים". *) און באַלד איז ער פאַרביי־געריטען די שמעקעדיגע רעטשקע־פעלדער, דערשפּירט דעם ריח פון די בינשטאָקען, און ער האָט דערזעהן פאַר זיך געשמאַקע לאַטקעס, אויסגעשמירט אין פּוטער און באַגאָסען מיט האָניג, אָדער סיראָפּ, — און דערלאַנגט זיינען זיי געוואָרען מיט דער קליינער חן־גריבעלדיגער האַנט פון קאַטרינאַ וואַן טאַסעל.

אָט אַזוי, שפּייזענדיג זיין פאַנטאַזיע מיט די זיס־טע געדאַנקען און צוקערדיגסטע פאָרשטעלונגען, איז איקאַבאָד געריטען לענג־אויס פון אַ שורה בערג, וואָס האָבען אַראָפּגעקוקט אויף איינער פון די וואווילסטע לאַנדשאַפטען ארום דעם ברייטען האָדסאָן. די זון האָט זיך ביסלאַכוויז אַראָפּגעקייקעלט אויף מערב־זייט. די ברייטע ברוסט פון טאַפּאַן־זעע האָט גערוהט אַזוי אומבאַוועגליך און גלאַזיג. בלויז דאָ און דאָרטען האָט זיך די אויבערפלאַך צערטליך געכוואַליעט, ווי אַ ליילאַך, און אַלעמאָל אויסגעצויגען דעם בלויען שאָטען, וואָס אַ באַרג האָט פון דערווייטענס געוואָרפען. עטליכע בורשטינענע וואָלקענס האָבען געלויערט אין הימעל, און קיין שום ווינטעלע האָט זיי ניט באַוועגט. דער האָריזאָנט איז געווען אַזוי פיין באַגילדעט, און איז ביס־לאַכוויז אריינגעפאַלען אין אַ קאָליר פון עפּעל־גרין, און דערפון — אין אַ טיף־בלויען הימעל־קאָליר. שטראַהלען, וואָס האָבען זיך אין דער קרום דורכגע־שלאָגען פון'ם האָריזאָנט, האָבען גערוהט אויף די ברע־גען פון די פעלזען וואָס זיינען געהאַנגען איבער פאַר־שיידענע ערטער פון טייך; דורכדעם האָבען די גרויע און פיאָלעטע זייטען פון די פעלזען אויסגעזעהן טיפער אויסגעהוילט. אַ שיף מיט איין מאַסט האָט ארומגע־בלאָנקעט פון דערווייטענס, פאַמעליך געגליטשט זיך אַראָפּ מיט'ן שטראָם; דער זעגעל ביים מאַסט איז נוצלאָז אַראָפּגעהאַנגען. און ווען נאָר דער אָפּגלאַנץ

---

*) אַזאַ מין פלאָדען.

פון הימעל פלעגט באגיסען דאָס רוהיגע וואסער מיט אַ פייערדיגער שיין, פלעגט זיך אויסדאכטען, אַז די שיף הענגט אין דער לופטען.

ס'איז שוין געווען גאַנץ טונקעל ווען איקאַבאָד איז אָנגעקומען צו הער וואן טאַסעל'ס פּאַלאַץ, וואָס איז שוין געווען פול אָנגעפּאַקט מיט די פיינסטע און פאָרנעהמסטע לייט פון דער גאַנצער געגענד: אַלטע פאַרמערס — אַ זעלטענע ראַסע מיט לעדערנע פּנים'ער, אָנגעטאָן אין היימיש־אויסגעשפּינטע רעקלאַך און קורצע הויזלאַך, בלויע זאָקען און ריזיגע שיך מיט פּרעכטיגע בלעכלאַך. זייערע קליינע, ריהרעוודיגע פרויען זיינען געווען אָנגעטאָן אין היטעלאַך, וואָס האָבען ארומגענומען דעם קאָפּ פון דריי זייטען, קורצע קליידלאַך מיט נידעריגע טאַליעס, היימיש־אויסגעשפּינטע אונטערקליידלאַך, און יעדע פון זיי האָט פאַרמאָגט ביים זייט אַ שערעלע, אַ שפּילקע־קישעלע און אַ העל־באַוועלנעם זעקעלע. די געזונטע מיידלאַך זייערע זיינען געווען כמעט אזוי אַלט־מאָדיש, ווי זייערע מאַמעס, מיט'ן אויסנאַהם פון די, וואָס האָבען מיט אַ שטרויען היטעלע, אַ פיינע סטענגע, אָדער אמאָל אַ ווייסע בלוזקע געגעבען אַן אָנצוהערעניש פון די שטאָדטישע מאָדעס. די זיהן זייערע, אָנגעטאָן אין קורצע רעק, וואָס האָבען זיך אונטען פאַרענדיגט אין פיר ווינקלען, מיט שורות וואונדערליכע בלעכענע קנעפּ, און די האָר זייערע, ווי געוועהנליך, צונויפגעפלאָכטען אין אַ צעפּעל, לויט דער מאָדע פון יענער צייט, ספּעציעל ווען איינער האָט ערגעץ דערטאַפּט אַ הויט פון אַן אַאַל־פיש פאַר'ן צעפּעל, — ווייל מ'האָט געהאַלטען אין דער גאַנצער געגענד, אַז אַזאַ מין הויט איז זעהר געזונט פאַר די האָר.

אָבער דער העלד פון דעם אָוועַנד איז געווען „בראָם מיט די ביינער“. ער איז געקומען צו רייטען אויף זיין באַליבטען פערד „דעירדעוויל“ *), אַ פלאַם־פייערדיגע בריאה, פונקט ווי ער אליין. חוץ איהם האָט

*) געוואַגטער טייוועל.

קיינער ניט געקענט ארומגעהן ארום דעם פערד. בכלל האָט זיך בראָם אויסגעצייכענט דערמיט, וואָס ער האָט ליב געהאַט צו האָבען צו טאָן מיט צעלאָזענע פערד, וואָס זיינען געווען מסוגל אָפּצוטאָן אַלערליי שפּיצלאַך און וואָס האָבען געהאַלטען דעם רייטער אין אַ שטענדיגער געפאַהר צו ברעכען האַלז און נאַקען. בראָם האָט געהאַלטען, אַז אַ געלאַסענער אויסגעמושטירטער פערד איז אונטער דער ווערדע פון אַ לעבעדיגען יונג.

מיט וואָס פאַר אַ חשק איך וואָלט זיך עס אָפּגעשטעלט צו באשרייבען דאָס צויבער־וועלטעל, וואָס האָט זיך ענטפּלעקט פאַר דעם ענטציקטען בליק פון מיין העלד, איקאַבאָד, ווען ער איז אַריבערגעטראָטען די שוועל פון דעם פּאַראַדנעם זאַל פון וואַן טאַסעל׳ס פּאַלאַץ. ניט דעם צויבער פון די געזונטע מיידלאַך מיט זייער גרויסאַרטיגער פּאַנאָראַמע פון רויט און ווייס, נאָר די שעהנע פּראַכט פון אַן עכטען האָלענדישען דאָרפישען עס־טיש, אין דער וואונדערליכער הערבסט־צייט. אַזעלכע טאַרטען און פלאָדענס וואָס זיינען געווען אויפ׳ן טיש אָנגעלעגט, און אזוי פיל פאַרשיידענע און כמעט אומבאשרייבליכע סאָרטען, קענען בלויז די בריה׳שע האָלענדישע באַלעבאָסטעס מאַכען! די העלדישע „דאָונאָטס“ *), די צערטליכע „אָלי־קאָעקס“ **), די קנאַקעדיגע און קרוכקע אייער־ראָגאלקעס; די האַרטע טאָרטען און די ווייכע טאָרטען און די צימערינג־טאָרטען, און די גאַנצע טאָרטען־משפּחה. ווייטער איז דאָרט געווען עפּעל־פלאָדען און פערסיקעס־פלאָדען און דיניעס־פלאָדען; און חוץ דעם — פעניצער חזיר־פּאָלקע און גערויכערטע רינד־פלייש; און אַלס צוגאָב — געשמאַקע פלוימען־איינגעמאַכץ, און פערסיקעס, און באַרנעס, און ברושניצעס; שוין אָפּגערעדט פון געבראָטענע פיש, און עיפות, און טעפּעלאַך מילך, און שיסעלאַך סמעטענע — אַלץ אויסגעמישט איינס אין אַנדערען, ווי איך האָב דאָ אויסגערעכענט — און אין סאַמע מיטען — דער מוטערליכער טשייניק, פון וועלכען ס׳האָבען ארויסגע־

*) אזוינע טאָרט־קוגעלאַך. **) האָלענדישע טאָרטלאַך.

זעצט וואָלקענס מיט פּאַרע, — געבענשט זאָלען זיין אזוינע טישען! עס וואָלט זיך געפאָדערט געגוג צייט און כח צו באשרייבען דעם דאָזיגען באנקעט, ווי ער האָט עס פאַרדינט; אָבער איך בין צו נייגעריג איבער־צוגעהן צו מיין געשיכטע. צום גליק, איז איקאַבאָד קרעין ניט געווען אין אַזאַ איילעניש, ווי דער היסטאָ־ריקער זיינער, און ער האָט קיינס פון די גוטע זאכען ניט געקריווודעט.

איקאַבאָד איז געווען אַ גוטהאַרציגע און דאַנקבאַ־רע באשעפעניש. זיין האַרץ איז געוואָקסען אין דער ברייט — לויט דער זעלבער פּראָפּאָרציע ווי זיין קער־פּער איז אָנגעפּילט געוואָרען מיט גוטע זאכען. די שטימונג זיינע האָט זיך כסדר געהויבען מיט'ן עסען, פּונקט ווי ביי אַנדערע הויבט זיך די שטימונג מיט'ן טרינקען. און בשעת ער האָט געגעסען האָט ער שוין קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווי צו וואַרפען מיט זיינע גרויסע אויגען ארום זיך און אָנקוועלען פון דער מעגליכקייט, אַז ער קען עס אמאָל ווערען דער האַר איבער דעם גאַנצען הויז וואָס איז פול מיט אַזאַ מין סאָרט לוקסוס און גלאַנץ, וואָס איז גאָר כמעט אומ־מעגליך זיך פאָרצושטעלען. דערנאָך האָט ער שוין גע־נומען טראַכטען וועגען דעם, ווי שנעל ער וואָלט פּטור געוואָרען פון דער אַלטער סקוהל־הויז, און וועגען דעם ווי ער וואָלט זיך אויסגעלאַכט פון דעם פאַרמער האַנס וואַן ריפּער און אַלע אַנדערע קאַרגע באַלעבאַטים, און ווי ער וואָלט פאַר'ן קאַרק ארויסגעוואָרפען יעדען וואַנ־דערענדיגען מלמד, וואָס וואָלט זיך דערוועגט איהם אָנ־צורופען „קאָלעגע“.

דער אַלטער וואַן טאַסעל האָט זיך ארומגעדרעהט צווישען זיינע געסט. זיין פּנים האָט זיך געשמאָלצען פון נחת און גוטסקייט, און איז געווען קיילעכדיג און צופרידען, ווי די לבנה אין סוף חודש. די גאַסטפריינד־ליכקייט זיינע האָט ער אויסגעדריקט קורץ אָבער שאַרף. ער פלעגט געוועהנליך אַ פּאָך טאָן מיט'ן האַנד, אַ פּאַטש טאָן איבער'ן פּלייצע, הויך זיך פאַנאַנדערלאַכען, און

גלייך פלעגט קומען אַ דרינגענדיגע איינלאַדונג: „רוקט זיך צו נעהנטער, מאַכט זיך היימיש“.

באַלד האָט די מוזיק, וואָס האָט זיך דערהערט פון דעם גרויסען צימער, אָדער האַל, אַ רוף געטאָן צום טאַנצען. דער מוזיקאַנט איז געווען אַן אַלטער נעגער מיט אַ לאַנגע גרויע באָרד. ער איז עס געווען דער וואַנדערענדיגער אָרקעסטער פון דער גאַנצער געגענד אין פאַרלויף פון אַ האַלבען יאָהרהונדערט. זיין פידעל איז געווען אַלט און אָפּגענוצט, ווי ער אַליין. צום מייסטען פלעגט ער ריפּען אויף צוויי אָדער דריי סטרונעס. מיט יעדער באַוועגונג פונ'ם סמיק פלעגט ער געבען אַ נויג מיט'ן קאָפּ, איינבויגענדיג זיך כמעט ביז דר'ערד. און יעדעס מאָל, ווען אַ ניי פּאָרעל פלעגט נעהמען מאַכען הכנות צו אַ טאַנץ, פלעגט ער אָנהויבען צו־טופּען מיט אַ פוס.

איקאַבאָד האָט זיך שטאַרק איבערגענומען מיט זיין טאַנצען, ווי מיט זיין זינגען. קיין איין גליד, קיין איין אָדערעל אין איהם איז ניט געווען רוהיג, ווען ער האָט געטאַנצט. און ווער ס'האָט זיך נאָר צוגעקוקט בשעת זיין לויז־צוזאַמענגעשרויפטער קערפּער איז געווען אין פולען גערודער און האָט ארומגעהויזט איבער'ן צימער, האָט געקענט מיינען, אַז דער מלאך פון טאַנצען גופא גיט דאָ אַ פאָרשטעלונג. איקאַבאָד איז געווען באַליבט ביי אַלע נעגערס, וועלכע האָבען זיך צונויפגעקליבען פון דער פאַרם און פון דער גאַנצער געגענד, יונג און אַלט, און באַלאַגערט אַלע טירען און פענסטער, און אומעטום פאַרמירט פּיראַמידען פון גלאַנציגע שוואַרצע פנימ'ער, געקוקט און געשמאַלצען זיך פון דער פאָרשטעלונג, געוואָרפען מיט זייערע ווייסע אויגען־קיילכלאך, און אויסגעשטשירעט שורות פון עלפענביין פון איין אויער ביז'ן אַנדערען. און ווי דען האָט זיך דער שמייסער פון די קונדסים געקענט פיהלען, אויב ניט לעבעדיג און פרעהליך? די אויסדערוועהלטע פון זיין האַרצען איז געווען זיין פאַרטנערקע און האָט מיט אַ גראַציעזען שמייכעל אָפּגעענטפערט אויף אַלע זיינע פאַרליבטע בליקען. און אין דערזעלבער צייט איז

בראָם מיט דיביינער, אַ דערשלאָגענער פון ליבע און אייפערזוכט, געזעסען אין אַ ווינקעל און געבורטשעט צו זיך אַליין.

ווען מ'האָט אויפגעהערט טאַנצען האָט זיך איקאַבאָד צוגעשאַרט צו אַ גרופּע דאָרפישע חכמים, וועלכע זיינען צוזאַמען מיט וואַן טאַסלען געזעסען און גערויכערט אין אַ ווינקעל פון דער וועראַנדע, און גערעדט וועגען אַמאָליגע צייטען, און פאַרצויגען לאַנגע שמועסען וועגען דער מלחמה.

די געגענד איז אין דער צייט, וועגען וועלכער איך דערצעהל איצט, געוועזען איינס פון די זעהר גינסטיגע ערטער וואָס זיינען רייך געוואָרען מיט מעשיות און באַריהמטע העלדען. דער ענגליש - אַמעריקאַנישער קריגס־פראָנט האָט זיך בשעת דער מלחמה דאָ פאַרביי־געצויגען. די געגענד איז דאַרום געוועזען פול מיט רויבערייען און איבערפלייצט מיט אַנטרונענע, מיט וואוילע יונגען און מיט אַלערליי קאָנטראַבאַנדיסטען. פון דעמאָלט אָן איז אַריבער פונקט גענוג צייט צו געבען יעדען מעשיות־דערצעהלער אַ מעגליכקייט אַרומצופּוצען זיין געשיכטע מיט אַביסעל אייגענע באַפּוצאַכץ, און, צוליב דעם, אַפּנים, וואָס ער איז געוואָרען אַ ביסעל שוואַך אויפ'ן זכרון, האָט ער זיך אַליין שוין אויך געמאַכט פאַר'ן העלד פון יעדער פּאַסירונג.

איז געוועזען אַ געשיכטע מיט דאָפיו מאַרטלינג, אַ גרויסער האָלענדער מיט אַ בלויער באָרד, וועלכער האָט שיער ניט פאַרנומען אַן ענגלישע קריגס־שיף בלויז מיט איין אַלטען אייזערנעם ניין־פוסיגען ביקס, ליגענדיג הינטער אַ בערגעל זאַמד און בלאָטע; נאָר וואָס דען — זיין ביקס האָט געפּלאַצט ביים זעקסטען שאָס. און עס איז געוועזען אַן אַלטער דזשענטעלמען, וועמעס נאָמען מיר וועלען ניט אָנרופען, ווייל ער איז געוועזען אַ צו־רייכער שררה מ'זאָל איהם דערמאָנען סתם אַזוי, — אָט ער האָט אין דער שלאַכט ביי וואַיט פּלעינס אָפּ־געשלאָגען אַ קויל פון אַ האַרמאַט מיט אַ קליין שווער־דעל, אַזוי אַז ער האָט אַבסאָלוט געפיהלט ווי די קויל האָט אַרומגעזשומעט אַרום דעם קלונג, און ער האָט באַ־

מערקט ווי זי האָט ביים אַראָפּפּאַלען זיך אָפּגעשפּיגעלט אין דעם הענטעל; אויב מ'גלויבט איהם ניט, איז ער יעדע צייט גרייט צו באווייזען זיין שווערדעל, ביי וועל־כען דאָס הענטעל איז געוועזען אַ ביסעל אויסגעבויגען. נאָך עטליכע העלדען זיינען געווען, וואָס זיינען באַ־ריהמט געוואָרען מיט זייערע אויפטואונגען אויפ'ן שלאַכטפעלד פונקט ווי די פריהערדיגע. ניט איינער פון זיי האָט געהאַלטען, אַז ער האָט געשפּילט אַ היפּ־שע ראָליע ביים דערפיהרען די מלחמה צו אַ גליקליכען סוף.

אָבער דאָס אַלץ איז געווען גאָרניט מיט גאָרניט אַנטקעגען די מעשיות וועגען שדים און רוחות, וואָס זיינען נאָכדעם געקומען. די געגענד איז רייך אין אַזעלכע לעגענדאַרישע אוצרות. אַרטיגע מעשיות און אַבערגלויבענישען האַלטען זיך צום בעסטען אויף אין די שטילע, לאַנג־באַזעצטע פאַרוואָרפענע ערטער; זיי ווערען אָבער צעטראָטען אונטער די פיס פון דער באַ־וועגליכער מאַסע, פון וועלכער עס באַשטעהט די באַפעל־קערונג פון די מייסטע דערפער אונזערע. חוץ דעם האָבען די גייסטער פון די פאַרשטאָרבענע אַ שלעכטע מערכה אין אַנדערע דערפער, ווייל נאָך איידער זיי האָבען נאָך צייט געהאַט צו כאַפּען אַ דרימעל, און איבערדרעהען זיך אין קבר אויף דער אַנדערער זייט, האָבען שוין די פריינד זייערע, וואָס זיינען לעבען גע־בליבען, אויסגעוואַנדערט ערגעץ אַנדערש. אַזוי אַז ווען זיי, די מתים, לאָזען זיך שוין יע ארויס ביינאַכט אויף זייערע מאַרשרוטען, האָבען זיי ניט קיין שום באַקאַנ־טען וועמען אָפּצושטאַטען אַ וויזיט. דאָס איז אפשר די סיבה, וואָס ערגעץ אַנדערש, חוץ אין אונזערע לאַנג־איינגעפונדעוועטע האָלענדישע געמיינדעס, הערט מען אַזוי ווייניג פון גייסטער.

אָבער די גרעסטע סיבה פאַרוואָס אין דער געגענד האָבען געהערשט די איבערנאַטירליכע מעשיות איז גע־ווען — וואָס ניט ווייט האָט זיך געפונען דער פאַר־שלאָפענער טאָל. עפּעס איז דאָרט געווען אַזוינס אָנ־שטעקענדיגעס אפילו אין דער לופט, וואָס האָט פון

יענעם פאר׳כישופ׳טען אָרט געבלאָזען. דער טאָל האָט געוויהט מיט אַ ווינד פון חלומות און אויסטראכטע־נישען און האָט פארפעסטעט די גאַנצע געגענד. עט־ליכע פון די איינוואוינער פון דעם פארשלאָפענעם טאָל האָבען זיך געפונען צווישען וואַן טאַסעל׳ס געסט, און, ווי דער שטייגער איז, האָבען זיי ניט געזשאַלעוועט זייערע ווילדע און וואונדערליכע לעגענדעס. אַ סך מורא׳דיגע געשיכטעס זיינען דערצעהלט געוואָרען וועגען לויות און יאָמערליכע געוויינערייען און קווי־טשערייען, וואָס מ׳האָט געהערט און געזעהן ארום דעם גרויסען בוים, וואָס איז געשטאנען ניט ווייט פון דאַנען — דאָרט וואו דער אומגליקליכער מאיאָר אַנ־דרעי איז געפאַנגען געוואָרען. ס׳איז אויך דערמאָנט געוואָרען די פרוי אין ווייסען, וואָס האָט זיך אויפגע־האַלטען אין דער פינסטערער גרוב ביי רעיווען ראַק, און אָפט, אין די ווינטערדיגע נעכט, פאַר אַ שטורם, פלעגט מען איהר הערען קוויטשען, ווייל זי איז אומ־געקומען אין שניי. אָבער דער גרעסטער טייל פון די געשיכטעס האָט זיך געדרעהט ארום דעם באַריהמטען גייסט פון דעם פארשלאָפענעם טאָל — ארום דעם קאָפּ־לאָזען רייטער, וועלכער האָט, ווי ס׳איז איבערגעגעבען געוואָרען, אין דער לעצטער צייט געמאַכט עטליכע מאַר־שרוטען איבער דער געגענט: און מ׳האָט אויך איבער־געגעבען, אַז ער פלעגט אַלע נאַכט אָנבינדען זיין פערד צווישען די קברים און קלויסטער־הויף.

די אָפּגעזונדערטקייט, אין וועלכער דער קלויסטער האָט זיך געפונען, האָט, ווייזט אויס, געווירקט, אַז ער זאָל ווערען אַ באַליבטער אָרט פאַר אַלע אומ־והיגע גייסטער. דער קלויסטער איז געשטאַנען אויף אַ בער־געל, ארומגערינגעלט מיט אַקאַציעס און הויכע ביימער. דורך די בוימער האָבען זיך באַשיידען ארויסגעבלייכט די ריינע, ווייס־געקאַלכטע ווענט פון קלויסטער. אַ פּאַס גראָז האָט זיך צערטליך געצויגען באַרג־אַראָפּ, צו אַ זילבערנעם לייכט וואַסער, וואָס איז געווען באַזוימט מיט הויכע בוימער, דורך וועלכע מ׳האָט געקענט כאַפּען אַ קוק אויף די בלויע בערג ביים האָדסאָן. ווען עמי־

צער זעהט דעם מיט גראָז באַוואַקסענעם קלויסטער־
הויף, וואו די זון־שטראהלען האָבען אויסגעזעהן ווי זיי
וואָלטען רוהיג געשלאָפען, וואָלט ער געקענט מיינען, אַז
דאָ צום וויינינגסטען רוהען די טויטע בשלום אין זייערע
קברים. פון איין זייט פון קלויסטער האָט זיך געצויי־
גען אַ ברייטער טאָל באוואַקסען מיט וואַלד. לענג־
אויס פון טאָל, צווישען שטיקער פעלזען און געפאַלענע
בוימער, האָט זיך געצויגען אַ היפּשער טייך. איבער
איינעם פון די טיפע און טונקעלע ערטער פון טייך,
ניט ווייט פון קלויסטער, איז איבערגעוואָרפען געווען אַ
בריק. דער וועג, וואָס האָט צום בריק געפיהרט, און
דער בריק גופא זיינען געוועזען איינגעוויקעלט אין די גע־
דיכטע שאָטענס פון די בוימער, וואָס האָבען זיי אי־
בערגעדעקט פון אויבען. די שאָטענס האָבען אָנגעוואָר־
פען אַן אומעט אפילו בייטאָג, אָבער ביינאַכט האָבען
זיי דאָ געשאַפען אַ פּחד׳יגע פינסטערניש.

אָט אזוי האָט אויסגעזעהן איינס פון דעם קאָפּ־
לאָזען רייטער׳ס באליבטע ערטער, וואו מ׳האָט איהם
זעהר אָפט באגעגענט. עס ווערט דערצעהלט אַ גע־
שיכטע פון דעם אַלטען ברוער, וועלכער האָט אויפ׳ן
סאַמע פאַרשייטסטען אופן ניט געגלויבט אין גייסטער,
ווי אזוי ער האָט איינמאָל אָנגעטראָפען דעם קאָפּלאָזען
רייטער, ווען יענער האָט זיך אומגעקעהרט פון זיין מאַר־
שרוט איבער דעם פארשלאָפענעם טאָל, און איז גע־
צוואונגען געווען אַוועקצוזעצען זיך הינטער איהם; ווי
אזוי זיי זיינען אַוועק אַ גאַלאָפּ איבער וואַלד און פעלד,
איבער באַרג און טאָל, איבער טייכען און בלאָטקעס,
ביז זיי זיינען אָנגעקומען צום בריק, און דאָרט האָט
דער רייטער זיך פּלוצלונג פארוואַנדעלט אין אַ סקע־
לעט, האָט אריינגעוואָרפען דעם אַלטען ברוער אין טייך
אריין, און מיט איין שפּרונג, קנאַלענדיג ווי אַ דונער,
האָט ער זיך אויפגעהויבען איבער די שפּיצען פון די
בוימער.

די דאָזיגע מעשה איז באַלד אויסקאָנקורירט גע־
וואָרען דורך אַ וואונדערליכער געשיכטע, וואָס האָט זיך
פאַרלאָפען מיט „בראָם מיט די ביינער“. ס׳איז געווען

אַ פּאַסירונג, וואָס האָט אַרויסגעשטעלט דעם גאַלאָפּי־רענדיגען העסיאַנער אַלס אַ גרויסאַרטיגען רייטער. בראָם האָט פאַרזיכערט; אַז איינמאָל ביינאַכט, ווען ער האָט זיך אומגעקעהרט פון דעם שכנ׳ישען דערפעל סינג סינג, האָט איהם דער קאָפּלאָזער רייטער געפּאַקט אין מיטען וועג; אַז ער, בראָם, האָט איהם פאָרגעלעגט צו געהן אַ געוועט אין אַ גלאָז פּונש ווער עס וועט שנעלער רייטען; און ער וואָלט געוואונען אויך, ווייל „דעיר־דעוויל“ איז איבער׳ן גאַנצען טאָל געפלויגען פאַראויס פון דעם טייוועלשען פערד, אָבער ווי נאָר זיי זיינען צו־געקומען צום קלויסטער־בריק האָט זיך דער העסיאַנער פלוצלונג געגעבען אַ דרעה אויס אויף צוריק; און פאַר־וואַנדלענדיג זיך אין אַ פלאַם פייער, איז ער פלוצלונג פאַרשוואונדען געוואָרען.

אָט די אַלע געשיכטעס, דערצעהלט מיט יענעם האַלב־איינגעדרימעלטען שטילען טאָן, מיט וועלכען מען־שען שמועסען געוועהנליך אין דער טונקעל, — ווייל בלויז די פּנים׳ער פון די צוהערער פלעגען פון צייט צו צייט באַלויכטען ווערען, ווען אַ ליולקע פלעגט אַ גליה טאָן, — האָבען זיך טיף איינגעקריצט ביי איקאַבאָד׳ן אין מוח. ער האָט דעם עולם אָפּגעצאָהלט מיט דער זעלבער סחורה, מכבד געוועזען מיט לאַנגע אויסצוגען פון זיין געשעצטען פּאַרפּאַסער, קאַטאָן מאַטהער, און האָט דערצו נאָך צוגעלעגט פיל וואונדערליכע געשיכטעס פון זיין געבורטס־שטאַט, קאָנעטיקוט, און דערצעהלט וועגען די שרעקליכע זעהונגען, וואָס ער האָט געזעהן אויף זיינע ביינאַכטיגע שפּאַצירען אַרום דעם פאַרשלאָפענעם טאָל.

ביסלאַכווייז האָט זיך דער עולם גענומען פאַנאַנ־דערגעהן. די אַלטע פּאַרמערס האָבען אויפגעזאַמעלט זייערע פאַמיליעס אין זייערע וועגענער, און אַ שטיק צייט האָט זיך די קלאַפּעריי זייערע געהערט פון דער ווייטענס, אויף די פּוסטע וועגען, אויף די ווייטע בערג־לאַך. עטליכע מיידלאַך זיינען אַרויף אויף די זאָ־טעל־קישעלאַך הינטער זייערע אויסדערוועהלטע קאַוואַ־ליערען, און זייער געזונטער געלעכטער, וואָס האָט זיך

צוזאַמענגעמישט מיט דער קלאַפּעריי פון פערדישע טריט, האָט לאַנג אָפּגעקלונגען איבער דער שטילער, מיט וואַלד באַוואָקסענער, געגענט, און איז אַלע מאָל געוואָרען שוואַכער און שוואַכער, ביז די קלאַנגען זיינען איינגאַנצען אָפּגעשטאָרבען. אויף דער פּאַרם, וואו עס איז ערשט ניט לאַנג צוריק געווען פרעהלאַך און טומעל־דיג, האָט שוין געהערשט אַ שטילקייט און אַן איינזאַמ־קייט. בלויז איקאַבאָד האָט שפּעטער פון אַלעמען ארומגעבאַלעמוטשעט, כדי, לויט׳ן מנהג פון דאָרפישע געליבטע, צו כאַפּען אַ שמועס מיט דער אויסדערוועהל־טער אויג אויף אויג, זייענדיג פאָלשטענדיג איבער־ציינגט, אַז ער איז אויפ׳ן וועג פון ערפאָלג.

וואָס עס האָט פּאַסירט ביי דעם דאָזיגען אינטער־וויו נעהם איך זיך ניט אונטער צו דערצעהלען, ווייל, דעם אמת גערעדט, ווייס איך אַליין אויך ניט. איך האָב אָבער מורא, אַז עפּעס איז דאָרט אָפּגעגאַנגען ניט גלאַטיג, ווייל זיכער איז, אַז נאָך אַ גאַנץ קורצער ווײַלע איז איקאַבאָד ארויסגעפלויגען פּאַראומערט און פּאַר־כמורעט. אָ, די פרויען, די פרויען! האָט זי, די דאָ־זיגע מיידעל, אָפּגעשפּילט איינס פון איהרע קאָקעטישע שטיק איבער איהם? זיינען די חנ׳דלאַך, וואָס זי האָט געמאַכט צום אָרימען מלמד, בלויז געווען אַ שפּיצעל צו געווינען זיין קאָנקורענט? איין גאָט ווייס, איך — ניט! עס וועט גענוג זיין צו זאָגען, אַז איקאַבאָד האָט זיך ארויסגעשלייכט פון הויז מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט געמאַכט אַן אָנגריף אויף אַ „נאַסיערעלע“ מיט הינער, איידער אויף אַ האַרץ פון אַ צאַרטער פרוי. ער האָט אפילו ניט געוואָרפען אַן אויג אויף רעכטס, אָדער לינקס, כ׳י אַ קוק צו טאָן אויף דער רייכער שפע, פון וועלכער ער האָט שטענדיג אַזוי הנאה געהאַט, נאָר ער איז אַוועק גלייך אין שטאַל אריין און האָט מיט עט־ליכע געשמאַקע בריקעס מיט׳ן פוס, אויפ׳ן ניט־אָנ־שטענדיגסטען שטייגער אַראָפּגעטריבען זיין קליאַטשע פון איהר וואוילען געלעגער, אויף וועלכען זי האָט פעסט גערדרימעלט און געחלומ׳ט וועגען גאַנצע בערג מיט האָבער.

ווען איקאַבאָד האָט, מיט אַ שווערען האַרצען און מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, אָנגעהויבען זיין וועג אַהיים, צופוסענס פון די הויכע בערג, וואָס דערהויבען זיך איבער טערריטאָן, איז פונקט געווען די סאַמע בישוף־צייט, וואָס די נאַכט פאַרמאָגט. די נאַטור איז געווען פאַראומערט, ווי ער אַליין. ווייט אונטען האָט דער טאַפּאַן זעע אויסגעשפּרייט זיינע גרויע און טונקעלע וואַסערען; דאָ און דאָרטען האָט זיך באַוועגט אַ הויכער זעגעל פון אַ שיף, פאַמעלאַך גערוקט זיך צום ברעג, צו פאַרלעגען דעם אַנקער. אין דער טויטער שטילקייט פון האַלבער נאַכט האָט איקאַבאָד אפילו געקענט הערען ווי דער וואַכט־הונט אויף יענער זייט האָדסאָן האַווקעט; אָבער דאָס האַווקען האָט זיך געהערט אַזוי שוואַך, פונקט ווי דאָס וואָלט געדאַרפט דינען אַלס אַ מיטעל צו געבען איהם אַ באַגריף ווי ווייט ער געפינט זיך פון דעם דאָזיגען געטרייען מענשענס־באַגלייטער. אַמאָל פלעגט ווייט־ווייט, ערגעץ פון אַ פאַרם צווישען די בערג, אָפּקלינגען אַ לאַנג־אויסגעצויגענער קוקעריקו פון אַ צופעליג אויפגעוועקטען האָן; אָבער אין זיינע אויערען האָט אַלץ געקלונגען ווי אַ חלום. קיין סימן פון לעבען האָט ער אויפ'ן וועג ניט באַגעגענט, בלויז פון צייט צו צייט פלעגט זיך דערהערען דער אומעטיגער פּישטשע פון אַ גריל, אָדער אַ זשאַבע ערגעץ אין אַ בלאָטע ניט ווייט פלעגט פלוצלונג אַ קוואַקע טאָן, פונקט ווי זי וואָלט שלעכט געשלאָפען און האָט זיך מיט אַמאָל איבערגעדרעהט אויף דער אַנדערער זייט.

אַלע מעשיות וועגען שדים און רוחות, וואָס ער האָט זיך אין אָוונט אָנגעהערט, האָבען איהם איצטער מיט אַמאָל אָנגעהויבען קריכען אין קאָפּ אַריין. די נאַכט איז געוואָרען אַלץ פינסטערער און פינסטערער. די שטערען האָבען אויסגעזעהן ווי זיי וואָלטען אַלץ טיפער און טיפער געזונקען אין הימעל, און ארומשוועבענדיגע וואָלקענס פלעגען זיי אָפט איינגאַנצען פאַרשטעלען פון זיין בליק. קיינמאָל האָט ער זיך ניט געפיהלט אַזוי איינזאַם און מוטלאָז. חוץ אַלעמען, האָט ער זיך אַלץ מעהר דערנעהנטערט צום אָרט, וואָס

שפּילט אַזאַ גרויסע ראָליע אין אַלערליי מעשיות וועגען מכשפות און רוחות. אין סאַמע מיטען וועג איז גע־שטאַנען אַ הויכער טולפּאַנען־בוים, וואָס האָט זיך ווי אַ ריז, אויפגעהויבען איבער אַלע בוימער ארום איהם, און האָט געדינט ווי אַ מין לאַנד־צייכען אין דער געגענט. זיינע צווייגען זיינען געווען סענקעוואַטע און אזוינע מורא'דיג גרויסע, אַז זיי וואָלטען גוט געקענט דינען אַלס שטאַמען פאַר געוועהנליכע בוימער. די צווייגען האָבען זיך אויסגעבויגען אראָפּ צו דער ערד, און דער־נאָך ווידער אויפגעהויבען זיך אין דער לופטען. דער בוים האָט געהאַט אַ שייכות מיט דער טרויעריגער גע־שיכטע וועגען דעם אומגליקליכען אַנדרעי, וועלכער איז דאָ געפאַנגען געוואָרען, און אומעטום איז דער בוים באַוואוסט געווען אונטער'ן נאָמען „מאַיאָר אַנדרעי'ס בוים". דער עולם האָט זיך באַצויגען צום בוים מיט אַ געפיהל פון דרך־ארץ און אַבערגלויבען, — טיילווייז אויס מיטגעפיהל איבער דעם גורל פון דעם אומגליק־ליכען מאַיאָר, און טיילווייז צוליב די געשיכטעס וועגען די משונה'דיגע זעהונגען און טרויעריגע פּאַסירונגען וואָס זיינען ביים בוים פאָרגעקומען.

ווען איקאַבאָד איז צוגעקומען נעהנטער צום בוים, האָט ער אַ פייף געטאָן. איהם האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אימיצער האָט אויפ'ן פייף געענטפערט; געווען איז עס אין דער אמת'ען אַ שאַרפער ווינט, וואָס האָט דורך די צווייגען דורכגעבלאָזען. ווען ער איז צוגעקומען נאָך אַ ביסעל נעהנטער, האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז עפּעס אַ ווייסע זאַך הענגט אַן מיטען בוים. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אויפגעהערט פייפען. ווען ער האָט זיך אָבער בעסער איינגעקוקט האָט ער דער־זעהן, אַז דאָס איז געווען אַן אָרט, וואו דער בוים איז געטראָפען געוואָרען פון אַ בליץ און דאָס נאַקעטע וויי־סע האָלץ האָט ניט געהאַט קיין קאָרע אויף זיך. פּלוצ־לונג האָט ער דערהערט אַ קרעכץ; ס'האָט איהם אָנ־געהויבען טרייסלען אַ צאָהן אָן אַ צאָהן, די קני זיינע זיינען צוגעפּאַלען צום זאָטעל, — אָבער דאָס איז גע־ווען ניט מעהר ווי אַ רייב פון איין צווייג אָן אַנדערען,

בשעת דער ווינט האָט זיי אַ שאָקעל געטאָן. ער האָט פאַרבייגעריטען דעם בוים בשלום, אָבער נייע געפאַהרען האָבען געוואַרט איהם אַנטקעגען.

אַן ערך צוויי הונדערט איילען ווייט פון בוים איז דער וועג איבערגעהאַקט געוואָרען פון אַ קליין טייכעל, וואָס האָט אריינגעפלאָסען אין אַ זומפּיגען און געדיכט־באוואַקסענעם טאָל, וואָס איז באַקאַנט געווען אונטער׳ן נאָמען „וואַילי׳ס זומפּ“. עטליכע ניט־ארומגעטשעסעטע קלעצער, אויסגעלעגט איינס נעבען אַנדערען, האָבען געדינט פאַר אַ בריק איבער׳ן טייכעל. אויף יענער זייט וועג, וואו דאָס טייכעל איז אריינגעפלאָסען אין וואַלד אריין, איז געשטאַנען אַ גרופּע דעמבעס און קאַשטאַן־בוימער, וואָס זיינען געווען געדיכט צונויפגעהעפט מיט ווילדע טרויבען־בוימלאַך, און אָנגעוואָרפען אַ מורא׳דיגע אומעט אויפ׳ן וועג. אַריבערצוגעהן דעם דאָזיגען בריק איז געווען דער ערגסטער נסיון. אָט אויף דעם זעלביגען אָרט איז עס טאַקע דער אומגליקליכער אַנדרעי געפאַנגען געוואָרען, און הינטער דער דאָזיגער וואַנט פון די קאַשטאַן־בוימער און טרויבען־בוימלאַך האָבען זיך עס באַהאַלטען די געזונטע פּויערים, וואָס האָבען איהם געפּאַקט. פון דעמאָלט אָן איז דאָס טייכעל באַטראַכט געוואָרען פאַר פאַר׳כישופ׳ט, און גרויס איז געוועהנליך די שרעק פון דעם סקוהל־אינגעל, וואָס דאַרף אַמאָל אַליין אַריבערגעהן דאָס טייכעל, נאָכדעם ווי די נאַכט איז שוין אָנגעפאַלען.

ווען איקאַבאָד איז צוגעקומען נעהנטער צום טייכעל האָט איהם זיין האַרץ אָנגעהויבען שטאַרק צו קלאַפּען. ער האָט זיך אָבער צוזאַמענגענומען מיט׳ן גאַנץ ביסעל מוט, דערלאַנגט דעם פערד אַ צעהנדליג קלעפּ אין די זייטען אריין, און האָט געמאַכט אַ פאַרזוך מיט אַמאָל די בריק אַריבערצולויפען. אָבער אָנשטאָט פאַראויס, האָט זיך דער אַלטער צו־להכעיס׳דיגער פערד אַ נעהם געטאָן אָן אַ זייט און איז אַוועק אין דער ברייט, צו דער גרופּע בוימער. איקאַבאָד, וועלכער האָט זיך וואָס ווייטער אָנגעהויבען אַלץ מעהר צו שרעקען, האָט געצויגען די לייצעס אויף דער אַנדערער זייט, און ענער־

גיש געבריקעט דעם פערד אין די זייטען אריין, אָבער ס'האָט קנאָפּ־וואָס געהאָלפען. ס'איז אמת, אַז דער פערד האָט זיך אומגעדרעהט אויף צוריק, אָבער איצט האָט ער זיך אַוועקגעלאָזען אין דער אַנדערער זייט פון וועג, צווישען אַלערליי ווילדע צווייגלאַך און געוויקסען. איצטער האָט זיך שוין דער סקוהל־מייסטער פאַנאַנדער־געלאָזט מיט דער בייטש און מיט די אָפּצאַסען איבער די אויסגעדאַרטע ריפּען פון דעם אָרימען גאָנפּאַודער, וועלכער האָט זיך האסטיג אַ יאָג געטאָן פּאָראויס, בלאָזענדיג און סאָפּענדיג; אָבער ווי נאָר ער איז צוגע־קומען צום בריק, האָט ער זיך פּלוצלונג געגעבען מיט אַמאָל אַזאַ שטעל אָפּ, אַז דער רייטער זיינער האָט זיך שיעור ניט אַריבערגעקוליעט איבער זיין קאָפּ.

פּונקט אין דעם אויגענבליק האָט איקאַבאָד'ס פּיהל־באַרער אויער דערהערט ווי נעבען בריק האָט עפּעס אַ טאָפּטשע געטאָן מיט אַ שווערען טראָט. אין דעם פינסטערען שאָטען פון די בוימער, האַרט ביים ברעג פון טייכעל, האָט ער דערזעהן עפּעס אַן אומגעהויערע, פּאָרמלאָזע, שווארצע, ריזיגע זאַך. עס האָט זיך ניט באַוועגט, אָבער עס האָט אויסגעזעהן, ווי דאָס וואָלט זיך אויפגעהויבען און דערנעהנטערט אין דער פינסטערניש, ווי אַ מורא'דיגע חיה, גרייט אַרויפצואוואַרפען זיך אויפ'ן רייזענדען.

ביי איקאַבאָד'ן האָבען זיך די האָר אויפגעשטעלט פון שרעק. וואָס טוט מען דאָ? אומקערען זיך און אַנט־לויפען איז שוין געווען צו שפּעט. און בכלל, וואָס פאַר אַ שאַנסען קען שוין עמיצער האָבען צו אַנטלויפען פון אַ שד, אָדער אַ ליז, אויב דאָס איז געוועזען אַזעלכער, בעת זיי קענען פליהען אויף די פליגלען פון דעם ווינט? איקאַבאָד האָט זיך דאַרום געמאַכט האַריז און שטאַמ־לענדיג אַ פרעג געטאָן: „ווער ביסטו?" ער האָט קיין ענטפער ניט געקראָגען. נאָך אַ מאָל האָט ער איבער־גע'חזר'ט זיין פראַגע, מיט אַ מעהר אויפגערעגטער שטימע. קיין ענטפער איז אַלץ ניט געקומען. ווידער אַמאָל האָט ער געכומען פאַסעווען די זייטען פון דעם האַרטנעקיגען גאָנפּאַודער, האָט צוגעמאַכט די אויגען

און מיט אַ גענמאַכטער התלהבות אָנגעהויבען זינגען תהילים. פונקט דעמאָלט האָט זיך די שרעקליכע זאַך אָנגעהויבען באַוועגען און רודעווען, און מיט איין שפּרונג איז עס שוין געווען אויפ׳ן סאַמע וועג. ניט קוקענדיג דערויף, וואָס די נאַכט איז געווען אַ פינסטער־רע, האָט מען פונדעסטוועגען געקענט ווי עס איז כאַ־פּען מיט׳ן אויג וואָס פאַר אַ סאָרט זאַך דאָס איז גע־ווען. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאָס איז געווען אַ ריזיגער רייטער, וואָס איז געזעסען אויף אַ מעכטיג־גרויסען שוואַרצען פערד. דער רייטער האָט ניט גע־מאַכט קיין פאַרזוך אָנצופאַלען, אָדער צו שליסען באַ־קאַנטשאַפט. ער האָט זיך געהאַלטען פון דערווייטענס, אויף אַ ברעג פון וועג, נאָכגעשלעפּט זיך ביי דער בלינ־דער זייט פון איקאַבאָד׳ס פערד, וועלכער האָט איצטער שוין געהאַט איבערגעקומען זיין שרעק און אויפגעהערט זיינע שטיק.

איקאַבאָד, וועמען דער דאָזיגער מאָדנער איין־מיטען־נאַכטיגער באַגלייטער האָט ניט שטאַרק גע־שמעקט, האָט זיך דערמאָנט אָן דעם צופאַל, וואָס בראָם מיט די ביינער האָט געהאַט מיט דעם גאַלאָפּירענדיגען העסיאַנער, און ער האָט גענומען שנעלער טרייבען זיין פערד, מיט דער האָפנונג, אַז ער וועט דעם אומ־באַקאַנטען לאָזען הינטער זיך. אָבער דער אומבאַקאַנ־טער האָט גענומען טרייבען זיין פערד פונקט מיט דער אייגענער שנעלקייט. איקאַבאָד האָט גענומען איינ־ציהען די לייצעס, אָנגעהויבען רייטען פּאַמעלאַך, כדי צו בלייבען פון הינטען. אָבער דער אומבאַקאַנטער האָט איהם ווידער נאָכגעטאָן. איקאַבאָד׳ן איז איינגע־פאַלען אין האַרצען. ער האָט ווידער פּרובירט אָנהוי־בען זינגען תהילים, אָבער דער געליימטער צונג זיינער איז פעסט צוגעשמידט געווען צום גומען און ער האָט קיין איין סטראָפע ניט געקענט אַרויסברענגען.

אין דער בייזער און אונהיימליכער שטילשוויינגע־ניש פון דעם איינגעשפּאַרטען באַגלייטער איז געווען עפּעס געהיימניספולעס, וואָס האָט אַרויסגעוואָרפען אַזאַ פּחד און באַלד האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזען, אַז די

שרעק איז געווען ניט קיין אומזיסטע. ווען עס איז אויסגעקומען אויף איין אָרט ארויפצוריייטען באַרג־ארויף און די פיגור פון זיין באגלייטער, הויך און מעכטיג און איינגעוויקעלט אין אַ מאַנטעל, האָט זיך אויסגעצויגען קעגען האָריזאָנט, איז איקאַבאָד געוואָרען אויסער זיך פון שרעק: ער האָט דערזעהן, אַז דער באגלייטער זיי־נער איז אָהן אַ קאָפּ! און זיין שרעק איז געוואָרען נאָך גרעסער ווען ער האָט דערזעהן ווי דער אומבאקאנטער האָט די קאָפּ זיינע געטראָגען פאר זיך אויפ׳ן זאָטעל. פון גרויס פחד איז איקאַבאָד אַזש פאַרצווייפעלט גע־וואָרען. ער האָט גענומען בריקעווען און שמייסען דאָס פערדעל זיינס און האָט געמיינט, אַז ער וועט פונ־דעסטוועגען, מיט איין האַסטיגען פליה, קענען דער־וויטערען זיך פון זיין באגלייטער. אָבער דער שד האָט גענומען שנעל פליהען גלייך נאָך איהם. זיי האָ־בען זיך גענומען יאָגען איינער נאָכ׳ן אַנדערען, איבער באַרג און טאָל, דורך פעלד און וואַלד — אַז פונקען זיינען געפלויגען מיט יעדען שפּרונג. איקאַבאָד׳ס לייכ־טע מלבושים האָבען געפלאַטערט אין דער לופטען, ווען ער איז אַזוי געלעגען אויסגעצויגען מיט זיין לאַנגען דאַרען קערפּער איבער׳ן פערד׳ס קאָפּ, כדי צו לויפען וואָס שנעלער.

זיי האָבען שוין געהאַלטען ביים וועג, וואָס פיהרט דורך דעם פארשלאָפענעם טאָל, אָבער גאַנפּאַודער, וועל־כער איז געווען אַ טייוועל ניט קיין פערד, האָט אָנ־שטאָט צו לויפען אַהין, זיך ווידער פאַרנומען אָן אַ זייט, אויף לינקס, גלייך באַרג־אַראָפּ. דער וועג האָט גע־פיהרט דורך אַ זאַמדיגען טאָל, פאַרשטעלט מיט בוי־מער, אַן ערך אַ פערטעל מייל די לענג, און נאָכדעם ערשט איז מען צוגעקומען צו דער בריק פון דער באַ־ריהמטער געשיכטע וועגען קאָפּלאָזען רייטער; און פונקט אויף יענער זייט בריק הויבט זיך אויף דאָס גרינע בערגעל אויף וועלכען עס געפינט זיך דער וויים־אָפּגעקאַלכטער קלויסטער.

די מערכה וואָלט נאָך אפשר ניט געווען אַזוי גרויס, ווייל די פּאַניק אין וועלכער דער פערד האָט זיך

געפונען האָט איהם געטריבען צו לויפען שנעלער פון דעם באגלייטער'ס פערד. אָבער פונקט דעמאָלט, ווען זיי האָבען זיך געפונען אין מיטען טאָל איז דער גאר־טעל פון זאָטעל לויז געוואָרען און איקאַבאָד האָט אָנ־געהויבען פיהלען, אַז דער זאָטעל גליטשט זיך ארויס פון אונטער איהם. ער האָט אָנגעכאַפּט דעם זאָטעל ביים שפּיץ און זיך באַמיהט פעסט איהם צוצוהאַלטען, אָבער — אומזיסט! איקאַבאָד האָט קוים באַוויזען זיך אליין צו ראַטעווען דורכדעם, וואָס ער האָט ארומגע־כאַפּט דעם פערד ארום האַלז. פונקט אין דעם אויגענ־בליק איז דער זאָטעל אַראָפּגעפאַלען אויף דר'ערד, און איקאַבאָד האָט געהערט, ווי ער איז צוטראָטען געוואָרען אונטער די פיס פון זיין נאָכפאָלגער'ס פערד. אויף איין רגע'לע האָט זיך איקאַבאָד פאַרגעשטעלט האַנס וואן ריפּער'ס גרימצאָרן, ווייל דאָס איז געווען יענעמס זונטאָגדיגער זאָטעל; אָבער איצט איז קיין צייט ניט געווען אויף קליינע עגמת נפש'ן. דער שד איז געווען האַרט הינטער איהם, און אזוי ווי איקאַבאָד איז נאָך צו די צרות געווען ניט אַזאַ וואַזשנער רייטער האָט ער געהאַט אַ היפּשען קלאָפּאָט צו האַלטען זיך אויפ'ן פערד. אַמאָל פלעגט ער זיך אַראָפּגליטשען אויף איין זייט, אַמאָל אויף דער אַנדערער זייט, און איינמאָל האָט ער געכאַפּט אַזאַ מין זעץ אויף דעם שאַרפסטען אָרט פון פערד'ס רוקען, אַז ער האָט באמת שוין געמיינט, אַז ער וועט צושפּאָלטען אויף צווייען.

אַ פרייער פּלאַץ צווישען די בוימער האָט איהם געגעבען האָפנונגען, אַז אָט באַלד איז ער שוין ביי דער קלויסטער־בריק. אַ שטערענדעל וואָס האָט זיך אָפּגע־שפּיגעלט און זיך באַוועגט אין טייך האָט איהם באַ־שטעטיגט, אַז ער האָט קיין טעות ניט געהאַט. ער עד האָט שוין געזעהן די ווענט פון קלויסטער, ווי זיי האָבען זיך אזוי שוואַך ארויסגעבלייכט פון הינטער די בוימער. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם פּלאַץ, וואו דיזער רייטער, וואָס האָט געראַטן דעם וועט־געיעג מיט „בראָם מיט די ביינער" איז פאַרשוואונדען געוואָרען. „ווען איך זאָל נאָר דערגרייכען די בריק", האָט אי־

קאַבאַד געטראַכט, „בין איך אַ געדעטעטער“. פּונקט דעמאָלט האָט ער דערהערט ווי דער שוואַרצער פערד בלאָזט און סאָפּעט הינטער איהם. איהם האָט זיך אפילו אויסגעדאַכט, אַז ער פיהלט דעם פערד'ס וואַרימען אָטעם. נאָך איין קאָנוואולסיווער זעץ מיט די פיס אין די זייטען אריין — און דער אַלטער גאַנפּאַהדער איז ארויפגעשפּרונגען אויפ'ן בריק; ער האָט געדונערט מיט די פּאָדקאָוועס איבער די ברעטער; ער איז שוין אויף דער אַנדערער זייט; און איצטער האָט זיך איקאַ־באָד אומגעקוקט הינטער־אום, צו זעהן אויב דער נאָכ־יאָגער זיינער וועט, ווי עס האָט זיך איצט געפּאָדערט לויט'ן אָנגענומענעם גלויבען, פאַרשווינדען מיט אַ פלאַ־קער פון פייער און שוועבעל. פּונקט דעמאָלט האָט ער דערזעהן, ווי דער רייטער שטעלט זיך אויף אויף זיינע פוס־רימענדלאך און קלייבט זיך אויף איהם אַ שליידער צו טאָן די קאָפּ זיינע. איקאַבאַד האָט גע־מאַכט אַ באַוועגונג אויסצומיידען די שרעקליכע באָמ־בע, אָבער — צו שפּעט. זי האָט אַ טראַך געטאָן איהם אויפ'ן שאַרבען מיט אַ שרעקליכער קראַפט. ער האָט זיך געגעבען אַ קוליע איבער מיט'ן קאָפּ אַראָפּ אין גראָז אריין, און גאָנפּאַודער, דער שוואַרצער פערד און דער כישוף'דיגער רייטער זיינען פאַרבייגעפלויגען ווי אַ שטורם־ווינט.

אויף מאָרגען אינדערפריה האָט מען געטראָפען דעם אַלטען פערד אָהן דעם זאָטעל און מיט'ן ציימעל אונטער זיינע פיס, ווי ער איז געשטאַנען און געצופּט גראָז ביי זיין באַלעבאָס' פאַרקאָן. איקאַבאַד האָט זיך צו פריהשטיק ניט באַוויזען. ס'איז געקומען די צייט פון מיטאָג — ניטאָ איקאַבאַד! די אינגלאך זיינען זיך שוין צ׳נויפגעקומען ארום סקוהל־הויז, ארומגעדרעהט זיך פוסט און פּאַס ארום די ברעגען פון טייכעל, אָבער — ניטאָ קיין סקוהל־מייסטער. האַנס וואַן ריפּער האָט ביסלאַכווייז זיך גענומען באַאומרוהיגען וועגען דעם גורל פון דעם אָרימען איקאַבאַד און זיין אייגענעם זאָטעל. מען האָט אָנגעהויבען אַן אויספאָרשונג, און באַלד איז מען געפאַלען אויף עטליכע שפּורען. אויף איין אָרט

פון וועג, וואָס האָט געפיהרט צום קלויסטער, האָט מען געפונען דעם זאָטעל, צעטראָטען אין בלאָטע. די צייבענס פון פערד׳ס פּאָדקאָוועס, וואָס האָבען זיך, אַפּנים ביי דער גרעסטער שנעלקייט, טיף איינגעגראָבען אין זאַמד, האָבען דערפיהרט צום בריק, הינטער וועלכען ס׳איז אויפ׳ן ברעג פון אַ ברייטען אָרט פון טייך, וואו דער וואַסער איז געווען טיף און שוואַרץ, געלעגען די היטעל פון דעם אומגליקליכען איקאַבאָד און ניט ווייט פון איהם — אַ צעשמעטערטע דיניע.

מ׳האָט דורכגענישטערט דעם טייך, אָבער דעם סקוהלמייסטער׳ס קערפּער איז ניט געפונען געוואָרען. האַנס וואַן ריפּער, דער פּאַרוואַלטער איבער זיין ירושה, האָט געעפענט דעם מלמד׳ס פּעקעל, אין וועלכען עס האָבען זיך געפונען אַלערליי אַנטיקען. דאָרט איז געווען: דריטהאַלבען העמדער, צוויי זאָקען אָנצוטאָן אויפ׳ן האַלז, אַ פּאָר אָדער צוויי וואָלענע שקאַרפּעטקעס, אַ פּאָר אַלטע סאַמעטענע האַלבע הויזלאַך, אַ פּאַרזשאַווערטער גאָל־מעסער, אַ בוך תהילים־נאָטען פול מיט פאַרבויגענע שפּיצען, און אַ צעבראָכענער קאַמערטאָן. וואָס איז שייך צו די ביכער און די מעבעל פון סקוהל־הויז, האָבען זיי געהערט צו דער געמיינדע — מיט׳ן אויסנאַהם פון קאטאן מאטהער׳ס „געשיכטע פון כישוף־מאַכעריי“, אַ ניו ענגלענדער אַלמאַנאַך, און אַ בוך וועגען חלומות און טרעפעריי. ביים סוף פון לעצטען האָט זיך געפונען אַ בלאַט קאָלירטע פּאַפּיר, וואָס איז געווען שטאַרק פאַרשריבען און פאַרקלעקט דורך עטליכע פרובטלאָזע פאַרזוכען אָנצואוואַרפען עטליכע פערזען לכבוד דער רייכער יורש׳טע וואַן טאַסעל. די דאָזיגע כישוף־ביכער און דאָס פּאָעטישע געשריפּטס זיינען טראַנספּאָרטירט געוואָרען צו האַנס וואַן ריפּער אין אויווען אריין. דער פאַרמער האָט פון דעמאָלט אָן און ווייטער געהאַט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז די קינדער זיינע דאַרפען אין סקוהל ניט געהן, ווייל קיין גוטס קומט פון לייענען און שרייבען ניט ארויס. וואָס איז שייך די מזומן געלט וואָס דער סקוהל־מייסטער האָט פאַרמאָגט, — און ער האָט ערשט מיט אַ טאָג־צוויי

צוריק באקומען זיינע פינף און צוואַנציג סענט גע־האַלט — האָט ער עס מסתמא געהאַט מיט זיך בשעת ער איז פארשוואונדען געוואָרען.

די געהיימניספולע פאַסירונג האָט דעם נעקסטען זונטאָג, אין קלויסטער, ארויסגערופען אַלערליי חקירות. קופקעס רכילות׳ניקעס און געניצעערס האָבען זיך צוזאַ־מענגעקליבען ארום קלויסטער־הויף, ביים בריק, און אויף דער שטעל וואו מ׳האָט געפונען די היטעל מיט דער דיניע. די געשיכטעס וואָס האָבען זיך פארלאָפען מיט ברוער׳ן, מיט בראָם׳ען און אַ גאַנצער פּאַק אַנדערע מעשיות זיינען דורכגעלופּטערט געוואָרען. און נאָכ־דעם ווי מ׳האָט זיי אַלע גאַנץ גענוי ארומגעטראַכט, און מ׳האָט זיי פאַרגליכען מיט די סימפּטאָמען פון דעם איצטיגען פאַל, האָט מען אָנגעהויבען שאָקלען מיט די קעפּ און מ׳איז געקומען צום אויספיהר אַז איקאַ־באָד איז ערגעץ אַוועקגעטראָגען געוואָרען פון דעם גאַ־לאָפּירענדיגען העסיאַנער. און אַזוי ווי איקאַבאָד איז געווען ניט קיין באַווייבטער, און איז קיינעם גאָרניט שולדיג געבליבען, האָט זיך וועגען איהם קיינער מעהר ניט געבראָכען דעם מוח. די סקוהל איז איבערגעטראָ־גען געוואָרען אויף אַן אַנדער אָרט אין טאָל, און אַן אַנדער מלמד האָט דאָרט אָנגעהויבען צו קיניגען.

ס׳איז אמת, אַז אַן אַלטער פאַרמער, וואָס האָט אין עטליכע יאָהר ארום געמאַכט אַ וויזיט קיין ניו יאָרק, — און ביי איהם טאַקע האָבען מיר זיך דערוואוסט פון דער גאַנצער מעשה, — האָט געבראכט אהיים די נייעס, אַז איקאַבאָד קרעין לעבט נאָך; אַז ער איז אנטלאָפען טיילווייז אויס מורא פאַר׳ן שד און פאַר האנס וואַן ריפּער, און טיילווייז אויס האַרצוועהטאָג, וואָס די ריי־כע מיידעל האָט איהם געגעבען דעם דרך; אַז ער האָט זיך באזעצט ערגעץ אין אַ ווייטער געגענד, האָט אויפ־געהאַלטען אַ סקוהל און האָט אין דער אייגענער צייט אויף שטודירט רעכטסוויסענשאפט; אַז ער איז געוואָ־רען אַן אַדוואָקאַט, זיך אָנגעהויבען מישען אין פּאָליטיק, געהאַט צו טאָן מיט וואַהלען, געשריבען אין די בלע־טער, און ענדליך איז ער אויסגעקליבען געוואָרען פאר

א ריכטער. און „בראָם מיט די ביינער“, וועלכער איז א קורצע צייט נאָכדעם, ווי זיין קאָנקורענט איז פאַרשוואונדען געוואָרען, מיט גרויס פּאַראַד געגאַנגען מיט דער בליהענדיגער קאַטרינאַ צו דער חופּה, פלעגט, ווי מ'האָט באמערקט, קוקען מיט צו כיטרע אויגעלאך, ווען נאָר די געשיכטע איז דערצעהלט געוואָרען. און ווי מ'פלעגט דערמאָנען די דיניע, פלעגט ער אויספּלאַצען מיט א געזונטען געלעכטער. דאָס האָט אַנדערע ארויפגעפיהרט אויף אַ חשד, אז ער האָט וועגען דעם ענין געוואוסט מעהר וויפיל ער האָט חשק געהאט צו דערצעהלען.

אָבער די אַלטע דאָרפישע ווייבער, וועלכע זיינען די בעסטע ריכטער אין אַזעלכע ענינים, האַלטען זיך ביז היינטיגען טאָג ביי איינס — אַז איקאַבאָד איז אוועקגעלאָקט געוואָרען דורך כישוף; און די גאַנצע געשיכטע ווערט אין דעם געגענד אָפט און מיט חשק דערצעהלט אין די ווינטערדיגע אָווענדען ארום פייער. די בריק איז, נאָך מעהר ווי פריהער, געוואָרען אַן אָרט פון אַבערגלויבערישער שרעק, און דאָס איז אפנים די סיבה, וואָס דער וועג איז אין די לעצטע יאָהרען געענדערט געוואָרען, און פיהרט איצטער צום קלויסטער, פאַרביי די ברעגעס פון מיל־טייכעל. פון דער סקוהל־הויז, ווייל זי האָט געפּוסטעוועט, איז אינגיכען געוואָרען אַ חורבה, און מ'שמועסט, אַז דאָרט האָט זיך באַזעצט דער גייסט פון דעם אומגליקליכען איקאַבאָד; און דעם אַקער־אינגעל, וואָס פלעגט זיך פאַמעלאך שלעפּען אהיים אין אַ שטילען זומער אווענט, פלעגט זיך אָפט אויסדאכטען, אַז ער הערט פון ־דערווייטענס איקאַבאָד'ס שטימע, ווי זי פארגעהט זיך אין אַן אומעטיגען תהילים־ניגון אין דער שטילער איינזאַמקייט פון דעם פארשלאָפענעם טאָל.

פארטרעטער פון פארלאג
ה. טויבענשלאג

דעטראָיט

W. WIENER, 2730 Hastings St.,
Detroit, Mich.

טאָראָנטאָ, קענעדע

S. LAPIDES, 29 Vanaulay St.,
Toronto, Ont., Canada

חיפה, פאלעסטינא

Y. TAL, P. O. Box 168,
Haifa, Palestine

ביי די פארטרעטער קען מען באקומען אלע אויסגאבען פון אונזער פארלאג.

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHÈQUE JUIVE PUBLIQUE
MONTREAL

יעדער נומער וועלט־ביבליאָטעק

צעהן סענט

1. אַנטאָנינאַ סאָקאָליטש:
די פויסט.

2. וואשינגטאָן אירווינג:
ריפּ וואַן ווינקל.
די לעגענדע פון פארשלאָפענעם טאָל.

יעדער איינער וואָס שיקט אונז צו פאר 10 סענט סטעמפּס קריגט צוגעשיקט א ביכעל (פאר 20 סענטביידע ביכלעך).

טשעקס, אָדער מאָני אָרדערס פאר א גרע־סערע צאָהל קאָפּיעס.

בוך סטאָרס, קלובען און אָרגאַניזאַ־ציעס באַקומען ראבאט.

אדרעסירט אויף פאלגענדען אדרעס:

H. TAUBENSHLAG

501 W. 172nd St., New York City